# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 131) עלפטער יארגאנג דעצעמבער 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

I. די אויסגעגאַנגענע „צייט" ..................................
II. „דער קעניג איז געשטאָרבן — זאל לעבן דער קעניג"! ..........
III. אַ סך־הכל־געדאַנק אין מיטן יאָרהונדערט......................°° 1
טראָצקי (אַ תל־אַביבער טיפּ)......................יוסף נוימאַן 5
איך ליב..., פארגיב מיר גאָט (לידער)..................דוד אַפּאַלאָוו 9
די שבעה (ראָמאַן)..................................לעאָ קעניג 10
פאַריתומטקייט, דער חשבון פון גאָרנישט (לידער)......אביגדור המאירי 14
אַ געזאַנג (ליד)..................................רחל דון־יחיא 15
ווינטער (ליד)......................................דר. א. ר. סען 16
אַ פענסטער אין שאָרדיטש (סוף)................בן־א. סאָכאַטשעווסקי 17
חנוכה סאָנעטן און לידער..........................א. נ. שטענצל 22
מכבי אונטער די פענער פון צענדליקער מדינות אין ישראל..........
אפרים טובענהויז 26
שיבת ציון אַמאָל און היינט (סוף)..........דר. יעקב י. מייטליס 29
אָ, גיב מען די שלווה (ליד)...............אריה שדמי־שאָפּנפעלד 34
וואָס וועט פירן צו ידישער גאולה (עסיי)...........יוסף הלל לעווי 35
די געשיכטע פון שקל.............................יוסף פרענקעל 38
איבער אַ בוך — „וויזיאָנען און איידלשטיינער"..............ס. פּאַלמע 42
לאָנדאָנער קולטור ידיעות.................................. 45
אַ בריוו פון הרב שפעטמאַן.................................. 47
יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן.................................ש. 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס.................. 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

**אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאר א יאָר**

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר א יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

**CLOSED ALL DAY SATURDAYS**

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# א פעסטיוואל פאר יידישער קונסט און ליטעראטור אין גלאזגא

אַ גרופּע אָנגעזעענע און פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין גלאַסגאָ אָרגאַניזירן איצט אַ גראַנדיעזע קולטור אונטערנעמונג — אַ פעסטיוואַל פון יידישער קונסט און ליטעראַטור. דער פעסטיוואַל, וואָס וועט פאָרקומען פונם 4טן ביזן 27טן פעברואַר 1951 אין די באַרימטע טאַקלעלאַן גאַלעריעס, וועט אַרומנעמען יעדער געביט פון יידישער קולטור: מאַלעריי, סקולפּטור, יידישע אַלטערטימלעכקייטן, מוזיק, פילמס און ליטעראַטור. בראש פון יעדער סעקציע שטייען עקספּערטן, וואָס פירן איצט אָן אַ פאַרצווייגטע און דערפאָלגרייכע טעטיקייט פאַר דעם קולטור יום־טוב, וואָס מוז באַטראַכט ווערן, בלי שום ספק, אַלס די וויכטיקסטע קולטור געשעעניש אין דער געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט.

אין די ראַמען פונם פעסטיוואַל ווערט אויך איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פונם יידישן בוך. דאָס וועט זיין אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַקענען אונזער ישוב מיט אונזערע אומגעהויערע קולטורעלע אוצרות און מיטן גרויסן פאַרנעם פון אונזערע שאַפונגען אין יידיש. די „יידיש" סעקציע מאַכט יעדער אָנשטרענגונג אַז אויף דער אויסשטעלונג פונם יידישן בוך זאָלן זיין פאַרטראָטן אַ ל ע אונזערע גרויסע שרייבער און שעפער פונם יידישן וואָרט. מיר ווענדן זיך, דעריבער, צו יידישע קולטור־מענטשן און פריינט פונם יידישן וואָרט צו העלפן מיט אַלץ, כדי די אויסשטעלונג זאָל זיין אַ דערפאָלג און אַ כבוד פאַר אונזער פאָלקס־שפּראַך און ליטעראַטור. אין דער קונסט־סעקציע האָבן פּריוואַטע מענטשן און מוזעאומס אונז אויסגעבאָרגט זייערע אומשעצבאַרע קאָלעקציעס פון די ווערק פון יידישע קינסטלער, קאָלעקציעס פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן, צווישן זיי די באַרימטע מאַקאַללאַ קאָלעקציע. די „יידיש" סעקציע ווענדט זיך אויך מיט אַ דרינגענדער בקשה אַז יידישע מענטשן זאָלן אונז אויסבאָרגן זייערע יידישע ביבליאָטעקעס. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס זיי פאַרמאָגן. די ביכער וועלן זייער זאָרגפעלטיק געפּאַקט און טראַנספּאָרטירט ווערן דורך אונזערע אייגענע מענטשן און וועלן אומגעקערט ווערן צו די נדבים אין דער בעסטער אָרדנונג. יעדער בוך וועט טראָגן אַ צעטל מיטן נאָמען פונם אייגנטימער און די ליסטע פון די נדבים וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּרעסע. דער פעסטיוואַל קאָמיטעט נעמט אויף זיך אַלע הוצאות און אינשורענס.

מיר רופן אַלע פריינט פונם יידישן וואָרט זיך ממשותדיק באַטייליקן אין אָט דעם וויכטיקן קולטור־אופטו, וואָס וועט ברענגען פאַר אונזער ישוב אַ גרויסע תקופה אין אונזער געשיכטע אין וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש.

מיט אָנפראַגן זיך צו ווענדן:

33, Beechlands Drive, Clarkston, Glasgow.
Festival of Jewish Arts, Glasgow, 1951, Convenor, Yiddish Section,

אָדער צום:

2, Kirklee Circus, Glasgow, W.2.
Festival of Jewish Arts, Glasgow, 1951, Dr. S. Naftalin, *Secretary*,

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 131) עלפטער יארגאנג דעצעמבער 1950 לאָנדאָן

## די אויסגעגאנגענע „צייט"

„די צייט" עקזיסטירט נישט מער! און די מאָטיוון, וואָס דער אייגענטימער און רעדאַקטאָר גיט אָן, פאַרוואָס זי האָט געמוזט אויפהערן צו דערשיינען, זענען אַזוי נעבעכדיק און געשמאַקלאָז ווי די גאַנצע צייטונג „די צייט" איז געווען אין די לעצטע יאָרן.

גיין דערציילן, וואָסער פנים „די צייט" האָט שוין געהאַט אין דער לעצטער צייט ווי זי האָט אין די לעצטע פאָר יאָר אויסגעזען, נאָכדעם, ווי די צייטונג איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעלאָזענע מצבה צווישן די זיך דאָך צוריק אויפבויענדיקע מלחמה־חורבות פון ווייטשעפּל, איז נישט כדאי.

האָט דאָך מאָריס מייער ז"ל נאָך געהאַט, נישט נאָר געוויסע זשורנאַליסטישע און געזעלשאַפטלעכע אַבמיציעס, נאָר ער איז געווען אַ גרויסער אַרבעטער און טוער און אַ ייד פון דער היים מיט וואַרעמע סענטימענטן.

דער זון, הערי מייער, וועלכער האָט געוויזן, אין ערשטן יאָר ווען ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער „צייט", מיט זיינע קאָנדענסירטע לייטאַרטיקלעך אַ פּאָליטישן און זשורנאַליסטישן חוש, האָט אָבער שוין נישט געהאַט דעם יידישלעכן סענטימענט און אויך נישט דעם אויסדויער, וואָרים אָן גרויסער ליבשאַפט צו יידיש איז זייער שווער פּאַרטייאיש צו באַלאַנסירן אויף דער יידישער גאַס, אָפּנים. אָדער גאָר שוין צו גיין אויפן שטריק פון אַ פּאַרטיי־ליניע . . .

אין די לעצטע יאָרן איז שוין ממש געווען אַ נסיון פאַר אַ יידיש־אינטעליגענט צו נעמען די צייטונג אין האַנט אַריין. אַז דעם בעסערן לייענער האָט מען פון דער צייטונג אינגאַנצן פאַרטריבן און דער זשורנאַליסט, וואָס האָט געזוכט דאָס שטיקל ברויט אין דער צייטונג, האָט זיך ממש געמוזט פאַרקניפּן אין דעם הענגענדיקן פּאַרטיי שטריק.

צי דאָס האָט געזאָלט זיין טאַקע, פּאַרטייאיש? קהילהדיק? לאָנדאָנעריש? עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז געווען נישט גאַנץ־קלוג און אַפילו נישט סוחריש, ווייל אַ יידישע צייטונג איז בעיקר פאַרן ליב־האָבער פון יידיש, פאַרן יידישן אינטעליגענט און פאַרן עמך־ייד — פאַר די ערשטע ווייל זיי האָבן אַ ליבשאַפט צו איר, פאַרן לעצטן, ווייל ער נויטיקט זיך אין איר. צוזאַמען קאָן זי געטראָגן ווערן, ווען דער טרעגער אַליין האָט די נויטיקע אַמביציעס און סענטימענטן — גאָלע פּאַרטייאישקייט און ביזנעס אַליין גענוגט נישט!

מיר ווילן נישט אָפּזיפּצן איצט אָדער באַקלאָגן, בשעת ס׳מת ליגט נאָך פאַר די אויגן. מיר ווילן אויך נישט דיסקוטירן, צי די מענטשן אַרום די צייטונג האָבן דאָס רעכט צו זאָגן „ברוך דיין אמת“, ווייל אַ משפּחה, צווישן וועלכע אַ קינד גייט אויס פון נויט, איז געגנוג, אַז זיי גייען אָפּ אָן שאַרפער דרישה וחקירה.

## „דער קעניג איז געשטאָרבן — זאָל לעבן דער קעניג“

(„די פּרעסע איז די פינפטע מלוכה“)

אָבער אַ יידישע צייטונג וועלן מיר שוין אין לאָנדאָן האָבן, וואָרים די שטימונג אין דער יידישער גאַס איז ממש אַ שרעקלעכע: יידן האָבן פּשוט מורא צו שטאַרבן, וואָרים ווי וועט מען אַנאָנסירן זייער לויות — עס איז ממש אַ שרעק!...

אמת, קיין דעת הקהל איז נישט דאָ אין לאָנדאָן, (כאָטש מען קהלט זיך שוין איצט אויף טישן און בענק און אויף שבעה־בענקעלעך...) אָבער קולות־וברקים ביזן זיבעטן הימל אַריין: גרופּן און גרופּקעלעך און יעדער רעדאַקטאָר, — מיט־ און אָן פּאַטענץ! — האָט שוין זיין טרופּע... אָבער ווו אַהין די פּריש געבאַקענע רעדאַקטאָרן ווילן פאַרשלעפּן די יידישע פּרעסע אין לאָנדאָן איז נאָך נישט גאַנץ זיכער; צי ווידער אין שול אַריין, אויף מלוה־מלכות, און די יורש־עצר׳ס — שוין אויפן בית חיים אַרויס?...

מען האָט שוין אַפילו געפּרוווט, מיט גוטן און מיט בייזן „לשון און לעבן“ צו פאַרוואַנדלען אין אַ טאָג צייטונג!...

אַלנפאַלס פאַר אַ גוטע צייטונג, — אַ פאָלקסטימלעך יידישלעכע מיט ליטעראַרישן און זשורנאַליסטישן געשמאַק, מיט ליבשאַפט צו יידיש און צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט; אויף אַ ריין קאָמערציעלן באַזיס, (אַן אַנאָנס אויף „עקס־לאַקס“ איז זיך טאַקע אַ גוט מיטל, אָבער אַ לעזער מוז נאָך אויך האָבן צו פאַרדייען אַ גוטן אַרטיקל און עסיי, אַ געשמאַק ליד, אַ פיינע דערציילונג!) איז נאָך דאָ אין ענגלאַנד פּלאַץ און אַ גוט געשעפט פאַר אַן אונטערנעמער און אַ יסוד פאַר פּרנסה פאַר יידישע שרייבער אין לאָנדאָן.

אויב פון איין זייט שטייען פּראָדוצענטן און פון דער צווייטער קאָנזומענטן, איז שוין ממילא די מאַטעריעלע לאַגע אַ באַלאַנסירטע און געזיכערטע, און דער גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער ניוואָ אַ נאַטירלעכער. שרייבער מאַכן אַ צייטונג און לייענער לייענען זי, אויב רעדאַקטאָרן „מאַכן“ שרייבער און אַ צייטונג וויל מאַכן אַ גוט לעבן פון גוטע באַריכטן, גייט עס אַזוי לאַנג אָן ווי עס לאָזט זיך... „ס׳קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער ביז ס׳אויערעלע ברעכט זיך אָפּ!“ ווען מ׳וויל אַז אויערן זאָלן זיך צוהערן צו אַ יידיש וואָרט, מוז מען קודם כל דאָס יידישע וואָרט ליב האָבן. אַרבעטן מיט ליבשאַפט — דאָס איז די אייזערנע באַזע, אויף וועלכער די יידישע פּאַפּירענע בריק קען זיך נאָך האַלטן.



## א סך־הכל געדאַנק אין מיטן יאָרהונדערט

גוטמוטיק און אונטער כל־ערליי געמיטלעכע שלום־שטימונגען דיסקוטירט מען און מען רעדט נאָך אַלץ מכוח מלחמה, און מען רופט עס דער קאַלטער קריג, פּונקט ווי עס וואָלטן באמת נישט אָנגעגאַנגען הייסע מלחמה־שלאַכטן אין לעצטן יאָר. איז עס אפשר דערפאַר, ווייל די קריגס־אָפּעראַציעס גייען נישט אָן אויף אונזערע טעריטאָריעס, זיי זענען אַביסל ווייטלעך פון אונזערע מדינות, דערפאַר האָבן מיר דאָס די קאַלטע הערצער און די געמיטלעכע שטימונגען; אָדער איז עס דערפאַר, ווייל אמתע מלחמה איצט מיינט נאָר, ווען אַטאָם־און הידראָ־באָמבעס וועלן נעמען פאַלן און נישט, ווען עס רעגנט זיך גלאַט אַזוי מיט צענדליקער טויזנטער טאָנען סתם־באָמבעס.

וואָרים פּונקט ווי אונזער ענטוויקלטע טעכניק און פּראָדוקציע ענטוויקלט זיך אויך אונזער מענטשלעכע פאַנטאַזי־ע און דער „ווייט־גייענדיקער“ מענטשלעכער געדאַנק...

אַזוי צי אַזוי אָבער אינגאַנצן זיכער זענען מיר נאָך נישט, לעת־עתה, צי אונזערע גרויס־ענטוויקלטע מדינות וועלן טאַקע אויסמיידן די נייע קריגס־אָפּעראַציעס, און צי די אַטאָם־באָמבעס וועלן נישט פאַלן אויף אונזערע אייראָפּעאישע ענטוויקלטע שטעט, פּונקט ווי זיי זענען געפאַלן אויף די יאַפּאַנישע — גאַנץ אויסגעשלאָסן איז עס נישט! דאָס פאַלן פון אַטאָם־באָמבעס איז שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ פּרעצעדענט! עס איז שוין חל דאָס גרויסע מענטשלעכע געזעץ פון „על דאטפת אטפוך וסוף מטפיך יטופון“, (ווייל דו האָסט דערטרונקען האָט מען דיך דערטרונקען און דער סוף פון דיינע דערטרענקער וועט זיין, אַז זיי וועלן דערטרונקען ווערן)...

אפנים, אַז אינם מענטשלעכן שפלות־און גדלות־קאָמפּלעקס איז מלחמה די איינציקע באַלאַנסירונג; עס איז די איינציקע מעגלעכע רעאַקציע קעגן די אייביקע שרעק פאַרן טויט.

עס איז דער איינציקער און מעגלעכער כוח פונם בחיר־היצירה, פונם גרויסן קאָפּ־מענטש ווו ער קאָן באַווייזן זיין איבערגעוויכט, ווו ער קאָן זיך באַווייזן מיט זיין איבערמאַכט, ווו ער קאָן ענטפּלעקן זיין טאָטאַלן ווילן: אָט־אָ, מיר גייען אַקסל ביי אַקסל אין מיליאָנען רייען דעם טויט אַנטקייגן מיט לידער און מיט מאַרשן, מיט נצחון געיובל און מיט טריאומף־געזאַנגען.

אָ, מיר שיסן נישט סאַלוטן אין דער הוילער ליידיקער לופט אַריין, ציל־לאָז —אָ, ניין! נישט פון מגיפות, נישט פון שוואַרצן טויט, פון דער בלינדער פּעסט, פון דער חלי־רע — פון אונזערע אייגענע הענט פאַלן מיר אין די מיליאָנען! מיר צילן אין פּונקט און מיר טרעפן!! אַ באַפעל — און אַ שטאָט איז אָפּגעווישט; אַ דריק ביי אַ קנעפּל — און ווידער 100,000 געפאַלענע און 300,000 פאַרוווּנדעטע; מיר נעמען אַ געזונטן „לחיים“ און מיר גייען נאַשטיך, אַז דאָס מענטשלעכע בלוט סלינעט נאָר אַזוי — — —

באמת, אין גרויסן אינגאַנצן, קאָסמיש געזען, ׳זענען, פאַר מענטשלעכן שפלות־און גדלות־קאָמפּלעקס, די אַלע מלחמות־מצוות „פאַר גאָט און פאַר

פאַטערלאַנד״, די אַלע הייליקע נקמה־געפילן און די ברענענדיקע אידעאַלן־אידעאַלאָגיעס, נאָר מעטאַמאָרפאָזעס אַזעלכע, אַבי צו קענען גיין אין טויט אַריין אָן שרעק און אָן מורא, ווי אַ העראָאישער העלד, ווי אַ גבור־מלחמה, ווי אַ רעליגיעזער קדוש, ווי אַ רעוואָלוציאָנערער מאַרטירער — —

עס איז, סך־הכל, די אַרויסגעשטעקטע לאַנגע צונג פונם שרעק־צו־טומלטן, פונם טויט־אַנטלויפנדיקן, זעלבסט־מערדער: אָט הענג איך מיר דאָ אַזוי שטיל־געמיטלעך און שאָקל מיך, מיט מיין גאַנצער איבערגעוויכט און וואָגיקייט, פּאַוואָלינקע, אָן יעדער אויפרעגונג און ווייז אַ לאַנגע צונג דעם טויזנט־אויגיקן מלאך המות.

און אויב אַ יחיד, כדי צו באַווייזן זיין קונץ, — זיין איבערמאַכט, זיין טאַטאַלן ווילן! — האָט נאָר אַוועקצוקאָפּן דאָס נידריקע פּיסנבענקעלע פון אונטער זיינע וואַקלדיקע פיס, נאָכדעם ווי ער האָט מיט פעסטער האַנט דעם שטריק פאַרקניפּט, מוז דער מאַסן זעלבסט־מערדער אַוועקקאָפּען דאָס וואַקלדיקע ערד קיילעכל פון אונטער די מענטשלעכע פיס — — —

אָ, די שטריקלעך מוזן נאָר זיין גוט און קונציק פאַרקניפּט, אַז דער „צאַמפּל־מאַן״, דאָס „צאַפּל־מענטשעלע״, דער בחיר היצירה, זאָל מאַכן זיינע שיינע שטיק, זיינע קונציקע הועיות, אַרויסשטעקן אַ גענוג לאַנגע צונג און אַ רויטע, ווען די אַלע קונציק־פאַרקניפּטע שטריק און שטריקלעך וועלן געצויגן ווערן.

2

יאָ, אָבער נאָר דעם טויט, דעם מלאך־המות מיט די טויזנט אויגן, קאָן מען אַרויסשטעקן אַ לאַנגע צונג, אָבער נישט דעם לעבן, וואָס גייט ווייטער אָן; דעם גרויסן רואה־ואינו נראה, וואָס דרייט זיך אַרום מיט דער אָנגעצונדענער זון אין דער האַנט.

וואָרים אויב דעם צוטומלטן אין שרעק, דעם שוואַכן געוויסנלאָזן איך, וואָס ווילט זיך ענדיקן יעדן ספּור־המעשה מיט אַ טריק, מיט אַ „העפּי־ענד״, מיט אַ קנאַל, וועט באמת געלינגען אונזער ערד קיילעכל אַ קליין רוקעלע צו געבן פון אונטער זיינע פיס און זיך אַ מעשה אָנצוטאָן, וועט עס אַלץ נאָר זיין אַ מעשה שהיה, אַ געענדיקט קליין מעשהלע אין דער לאַנגער זיך דערציילנדיקער אומענדלעכער מעשה בתוך המעשה.

וואָרים וואָס איז ער דען דער מענטש, דער בחיר־היצירה, מישטיינסגעזאָגט, מיט אַלע זיינע מאַשינעריעס און דערפינדונגען און לאַבאָראַטאָריעס, מער ווי יענע ווערעמלעך וואָס צעראָיען די ערד און פאַרוואַנדלען קויל־שטאָף אין שטיק־שטיף — —

און אפשר טאַקע זענען מיר דאָס יענער מין באַציל, יענע באַקטעריעס צו פאַרשנעלערן די גראַוויטאַציע פון אונזער ערד באַלעם, און מיט אונזער אימפּעט וועלן מיר זי אויפרייסן אין איר לויפנדיקן געקרייז, אַז וואָס שנעלער זי זאָל זיך באַהעפטן מיט די זון — אַן אויפגעריסענע מיט נייע, ליכטיקע זונען!

אָבער ווי עס גייט נישט קיין שפּרענקעלע שטאָף פאַרלוירן אין דער נאַטור, און מיט וויפיל ליכטיקייטן עס צעפינקלט יעדעס שטויבעלע זיך פאַרוואַנדלענ־



דיק אין ענערגיע, ווער קאָן וויסן דעריבער די מעטאַמאָרפאָזעס וואָס גייען פאָר אין דער נאַטור פון די ברענענדיקע ענערגיעס אונזערע און ליכטיקע בענקשאַפטן? איז דען נישט דאָס שלום־און ליבע־געפיל פון דער מענטשהייט איר ראַנגלדיקער קאָמפּלעקס זייט איר אָנהויב ביזן היינטיקן טאָג? „בימים הם בזמן הזה״? און איז דען נישט פאַנטאַזיע און לעגענדע דער אָנהויב פון יעדן געשעען און ווערן און איז דען נישט דער באַגריף פון גאולה: „והיה האור הלבנה כאור החמה, ואור החמה כאור שבעת הימים״?

יאָ, דאָס געמיטלעכע שמייכעלע און די כל־ערליי שלום־שטימונגען, — בשעת מען דונערט מיט מלחמה, בשעת עס קנאַקן שוין די קאַנאָנען און עס פאַלן שוין צומאָל די באָמבעס! — איז דער ווידערשיין פון יענעם גרויסן ליכט, וואָס קאָן אַפילו נישט אויסגעלאָשן ווערן אין די ווילדע שטורעם פון די שרעקלעכסטע מלחמה־וואַקכאַנאַליעס.

וואָרים פונקט און גלייכצייטיק ווי עס ענטוויקלט זיך אונזער ווייטגייענדיקע טעכניק, אונזערע הויך פליענדיקע באָמבערס, אַלץ ווייטער און העכער פלאַטערט אונזער ווייט־פליענדיקע פאַנטאַזיע — — —

עס איז שוין כדאי צו זיין דער בחיר היצירה, דער „אנוכי תולעת ולא איש״, יענער באַציל וואָס פאַרוואַנדלט ענערגיעס, גליאיקן גלויבן און פלאַמיקע בענקשאַפט אין ברענעדיקע התלהבות־ענערגיעס, פון גוטסקייט און שלום.

---

## יוסף נוימאַן

## טראַצקי

(אַ תל־אביבער טיפּ)

טאַקע טראַצקי, אָבער נישט געפערלעך. אונזער העלד איז אַ קנאַפּער רעוואָלוציאָנער. פּאָפּולער איז ער (אים צו לאַנגע יאָר) — שוין באַלד ווי לעאָ טראַצקי. אין דער געשיכטע וועט ער זיכער אַריין.

שוין באַלד אַ צוויי צענדליק יאָר ווי דער תל אביבער טראַצקי שטייט אויף דער וואַך פאַר „תוצרת הארץ״. דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם קאַמף און אַרויס מיט דער לאָזונג: „יידן נוצט אייערע אייגענע אויסאַרבייטונגען״. יאָרן לאַנג איז ער דער שגץ און „משוגע פאַר דער זאַך״.

אַ דאַרער, אַ שוואַרץ קמץ־בערדל, באַברילט, אַ בלאַס לענגלעך פנים — טראַצקי אויסן אויג, ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, האָט מען אים צוגעקלעפּט דעם נאָמען טראַצקי און — עד היום. ער וואָלט זיכער געוואָלט, מען זאָל אים רופן מיט זיין אָריגינעלן נאָמען, משה חלוץ — ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ נישט קלענערן פּיאָנער, ווי די ערשטע, וועלכע האָבן צוגעלייגט אַ האַנט און פלייצע צום אויפבוי פון לאַנד.

ער איז דער ערשטער, וועלכער האָט געוואַגט אַנטקעגנשטעלן זיך די דעמאָלט גרעסטע פירמע „באַטאַ״. משה חלוץ, אַליין אַ שוסטער פון פאַך, האָט געשפּירט אויף זיין אייגענער הויט, די פאָלגן פון אַריינברענגען פון אויסלאַנד

פאַרטיקע שיך. „באטא“ האָט דאַן פאַרפלייצט די שטאָט מיט אירע ביליקע אימפּאָרטירטע שיך און עס האָט ממש געדראָט אַ סכנה, אַז דאָס גאַנצע שוסטער־פאַך זאָל נעבעך אונטערגיין.

טראָצקי האָט זיך געגעבן אַ נעם צו דער אַרבייט, געלאָזט אויסמאָלן אַ ריזן־פלאַקאַט, אויף וועלכן ס׳איז געווען מיט קידוש־לבנה אותיות אויפגעצייכנט: „נידער מיט פרעמדע אויסאַרבייטונגען“, „קויפט נאָר תוצרת הארץ“, און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגנאיבער „באטאס“ גרויסע געשעפט און נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים. ס׳ערשטע מאָל האָט מען געזען אין תל אביב אַ פּיקעטניק.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל. גאַנץ תל אביב איז געלאָפן קוקן אויפן בייזן וונדער. ס׳האָבן זיך באַלד אויפן אָרט געשאַפן, ווי דער שטייגער איז צוויי פּאַרטייען פאַר און קעגן, איין טייל האָט געהאַלטן פאַר טראָצקיס איינפאַל און געלויבט זיין איניציאַטיוו, ווייל גערעדט האָט מען שוין אַ לאַנג צייט אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, געבליבן איז מען ביים רעדן. און דאָ שטעלט זיך אַוועק אַ יאַט מיטן אַ העלן מיטוואָך אומגעבעטן און מאַכט אַזאַ סעמאַטאָכע. די צווייטע פּאַרטיי האָט אָבער געטענהט, אַז תוצרת־הארץ־שיך זענען טייער און עמך קען זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס אויף קויפן זיי.

משה חלוץ האָט אין דער דיסקוסיע נישט אַנטייל גענומען. האָט זיך נישט פון אָרט גערירט. טאָג־איין טאָג־אויס, וואָכן לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען מיט דעם פּלאַקאַט אין דער האַנט און נישט צוגעלאָזט צו „באַטאַ“ קיין קונים. פאַרשטייט זיך, אַז די „באַטאַ“ לייט האָבן אויך נישט געשוויגן. מען האָט אינטערוועניִרט ווי מען האָט באַדאַרפט ד.ה. אין דער משטרה (פּאָליציי). מען האָט טראָצקין געשלעפּט, געריסן, געדראָט און געבעטן. עס האָט אָבער געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, ווי אַ שטיין, זיך נישט גערירט — זיינס אויסגעפירט.

פאַרקוקט זיך אויף באַטאַס געלאָדענע געשעפטן האָבן אַנדערע סוחרים אויך אָנגעהויבן אַריינברענגען אויסלענדישע סחורות, אַפילו זאָקן בענדלעך. ס׳האָט זיך געשאַפן אַזאַ מצב, אַז חברה האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אַרבייטסלאָז און אונטערהונגערן. די פאַבריקלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט — דער מאַרק איז געוואָרן פאַרפלייצט מיט יאַפּאַנישע סחורות — אַ גופיה (טריקאָ קאָשולקע) למשל, האָט איר געקענט באַקומען 25 מיל — טאָ גיי און קאָנקוריר מיט אַ יאַפּאָנטשיק.

איינמאָל אין אַ העלן פרימאָרגן, ווען תל אביב האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהויבן פון שלאָף און זיך אַרויסגעלאָזט, ווי מען זאָגט דאָס, אין גאַס אַריין, האָט מען דערזען נישט מער און נישט ווייניקער — אַלע שויפענסטער פון די גרעסטע געשעפטן, וועלכע זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט אויסלענדישע סחורות — זענען אויסגעשלאָגן, צעבראָכן און די סחורות צעוואָרפן—אַ חורבן.

די סוחרים האָבן עפּעס יאָ פאַרשטאַנען נישט פאַרשטאַנען, — געמאַכט אַ שוויג, אַריינגעזעצט פרישע שויבן. צומאָרגנס — די זעלבע געשיכטע, אַ האָר נישט ווינציקער. מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן, שנאָפּן, נאָר — משה זוך מיך.



אין דער אמתן האָט עס טאַקע משה חלוץ פּראָיעקטירט און אויסגעפירט. אַליין געלעגן אויפן פּיסק, וואָכן לאַנג נישט פאַרדינט קיין פּיאַסטר, אונטערגעהונגערט, אָבער דעם ענין האָט ער בשום אופן נישט אויפגעגעבן, זיך איינגע׳עקשנט און געשטעלט זיך פאַר אַ ציל, אַז תל אביב מוז און וועט נאָר קויפן סחורות, וועלכע ווערן אויסגעאַרבייט אין לאַנד און דורך יידישע הענט. „אַזאַ מין משוגענער“, פלעגט דער עולם זאָגן. תל אביב איז געבענטשט מיט אַזוי פיל משוגעים, וועט זיין נאָך איינער, און זיך פון דער גאַנצער היילקער מלחמה זיינער אויסגעלאַכט.

אַליין אַ שטילער, אַ באַשיידענער — אַ לעמעשקע כמעט, — איז אָבער געקומען צום ענין „תוצרת הארץ“, האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער לייב, געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, געזידלט די סוחרים, געמאַכט פון זיי בלאָטע, באַקומען חוצפה און זיך אַנטקעגנגעשטעלט די גרעסטע קנאַקערס, געשלאָגן זיך ממש מיט אַלע אימפּאָרטערן, געוואָרן צענדליקער מאָל אַרעסטירט, געכאַפּט קלעפּ. איז ער דאָך אָבער אַ ליטוואַק, אַן עקשן, פלעגט ער זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלן: געהאַקט שויבן, געזידלט, געזעסן אין „חד־גדיא“, אַרויס פון דאָרטן און ווידער דאָס זעלבע.

און אָט, אויסגעטראַכט אַן אָריגינעל מיטל, ווי אַזוי באַקעמפן דאָס קויפן אויסלענדישע דאַמען שטאָפן: ער פלעגט אַוועקשטעלן עטלעכע יינגלעך אויף די באַלעבטסטע גאַסן פון שטאָט מיט פלעשעלעך טינט אין די הענט, און ווי נאָר ס׳פלעגט זיך באַווייזן אַ דאַמולקע מיט אַן אויסלענדיש קלייד אויפן לייב, פלעגן חברה עס געבן אַ „באַכלאַפּע“ מיט טינט. און אַזאַ באַפלעקטע דאַמע האָט זיך שוין געהיטן און פאַרזאָגט אַ צענטע, נישט קויפן קיין אויסלענדישע שטאָפן.

נאָך די אַלע שטיקלעך אַרבייטן זיינע פלעגט זיך אין דער פרעסע אויפהויבן אַ שטאַרקע פּאָלעמיק. מען פלעגט זיך רייסן ביי די קעפּ, ביז דאָס „געוויסן“ פון געוויסע כלל־טוערס האָט זיך אַ קאַפּעטשקע אַ טרייסל געטאָן, און מען האָט אָנגעהויבן אונזער טראָצקין „מאָראַליש“ אונטערשטיצן.

געקומען אַביסל צו זיך, האָט משה חלוץ אָנגעהויבן טראַכטן וועגן שאַפן אַ סטאַבילע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל נעמען אויף זיך די זאָרגן פאַר פּראָפּאַגירן און שטיצן „תוצרת הארץ“, אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן אימפּאָרטירן אַזעלכע סחורות, וועלכע קענען אויסגעאַרבעט ווערן אין לאַנד, — אַפילו דער עולם זאָל איבערצאָלן.

די דאַמאָלטיקע מאַכטהאָבער (די מאַנדאַטן רעגירונג) זענען דווקא נישט געווען פאַראינטערעסירט אין אַזאַ ענין, פאַרקערט, זיי האָבן מיט אַלע מיטלען געשטערט. אדרבא, זיי זענען גראָד געווען בלויז פאַראינטערעסירט מען זאָל וואָס מער אַריינברענגען אויסלענדישע סחורות; ערשטנס האָט עס אַריינגעבראַכט ריזיקע סומעס פון שטייערן־אָפּצאָל, צווייטנס און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, נישט דערלאָזן אַז דאָס לאַנד זאָל זיך אינדוסטריעל אַנטוויקלען, נאָר זיין תמיד אָפּהענגיק פון אויסלאַנד.

ס׳האָט געמוזט באַשאַפן ווערן אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע זאָל מיט לע־

גאַלע און נישט לעגאַלע מיטלען באַקעמפן אַט די אַלע שטערונגען, און דערצו נאָך האָט מען באַדאַרפט אַריינדרינגען, אַריינפּרעסן אין די מוחות פון דעם עולם דעם פּשוטן געדאַנק, אַז אויב מען צאָלט אפשר איבער פאַר אינלענדישע אויסאַרבייטונגען, — לוינט זיך עס פּשוט דערפאַר, ווייל פאַבריקן און וואַר־שטאַטן אַרבייטן, באַשעפטיקן מענטשן, דאָס געלט בלייבט אין לאַנד א.א.וו. אַ שווער שטיקל אַרבייט. געשלעגערייען, שויבן־האַקעריי, איבערגעדרייטע וועגעלעך מיט סחורות, מיט טינט באַשפּריצטע יאַקעס, אַרעסטן און שיקאַ־נעס — אָבער זיינס האָט משה חלוץ דורכגעפירט. דער אַזוי באַרימטער „אגוד למען תוצרת הארץ" (פאַראייניקונג פאַר אינלענדישע אויסאַרבייטונגען) האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט און זייער אַ סך אויפגעטאָן פאַרן לאַנד.

פאַבריקאַנטלעך און פאַבריקאַנטן האָבן אים אָנגעהויבן טראָגן אויף די הענט, געוואָרן ממש אַ וווּנדער־קינד. נישט איין אַזאַ פאַבריקאַנטל, וועלכער איז געלעגן צען איילן אין דער אדמה, האָט צו פאַרדאַנקען „טראָצקין", וואָס ער עקזיסטירט און נישט איינער פון די וואָס האָבן פון אים חוזק געמאַכט, איז היינט אַ דאַנק אים, אין די פעדערן, בעת משה חלוץ איז עד היום געבליבן, אידל גערעדט: אַ קבצן.

„דער נעגער האָט געטאָן זיינס — דער נעגער מעג שוין גיין". אַזוי לאַנג ווי משה חלוץ האָט אַריינגעכאַפּט קלעפּ, צרות, חרפּות און בושות, איז — בבקשה, ווען מען אַרט עס. האָט אָבער דער „משוגענער פאַר דער זאַך" זיינס דורכגעפירט — האָט מען אים טאַקע זייער שטאַרק און שיין באַדאַנקט, גע־הויבן ביז אונטערן הימל און אים דעליקאַט געהייסן זיך אָפּטראָגן. אויף פּראָסט לשון געזאָגט: מען וועט זיך אָן דיר, ברודערקע, אויך אָן עצה געבן, אויף ממשותדיקע פּאָסטנס האָבן מיר גרעסערע יחסנים פאַר דיר.

משה חלוץ איז אָבער נישט קיין פאַרביטערטער יאַט און ווי זאָגט מען דאָס אין אַמעריקע: „פון אַ שוסטער ווערט אַ פּרעזידענט". משה חלוץ איז פון אַ שוסטער געוואָרן אַ רעדאַקטאָר, — אַ רעדאַקטאָר פון אַ לעקסיקאָן, וואָס נעמט אַרום אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע אַרבייטן אויס „תוצרת הארץ"־זאכן, געוואָרן אַ פאַרלעגער פאַר פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן אויף דער טעמע „תוצרת הארץ", גיט אַרויס קאָלירטע קאַרטן מיט די פאַבריק־סימנים פון די יעניקע וועלכע זענען געטריי זיין ענין פון „תוצרת הארץ".

פאַראַן עטלעכע רייכע פאַבריקאַנטן וועלכע געדענקען און שאַצן אָפּ זיין חלוצישע טעטיקייט אויף דעם געביט, אונטערשטיצן אים — און משה חלוץ־טראָצקי „מאַכט" אַ לעבן.

---

## „פריינט פון יידיש לשון"
## א גרויסער ווארט־קאנצערט

**דינסטאג, דעם 19־טן דעצעמבער, 7.30 אָוונט אין אדלער האל**

אַדלער סטריט, א.1.

עס באַטייליקן גרויסע לאָנדאָנער קונסטלער. קומט און שטיצט אונזער וויכטיקע אַרבעט.



## דוד אפאלאוו

# איך ליב...

איך ליב אַזוי דעם טיפן, בלויעם הימל
און די באַפּרוכפּערטע, צעגרינטע ערד;
אין פעלד אַיעדעס איינפאַך, ליכטיק בלימל.
זיי האָבן מיך פון קינדוייז אָן גענערט

מיט טרוימען, ווי דער ראַזיקער באַגינען,
ווען ס'קרייט דער וואונדערליכער גאָלדענער האָן.
אויך איצט נאָך פלאַטערט שטאָלץ ביי מיר אין זינען
פון יענע פרייד די זונעדיקע פאָן,

איז גיי איך מיר אַזוי אויף ברייטע סקווערן,
מיך גריסן דענקמעלער פון מירמלשטיין,
ס'איז גוט דערנעבן זיצנדיק דאָ קלערן,
וואו מיט די גוטמוטיקע טויבן כ'בלייב אַליין.

ווי קוואַלן וואַכן אויף אין מיר געזאַנגען
און אויפן פידל שפּיל איך פון מיין זעל
און קלאַנגען ווי די ווייסע שוואַנען שלאַנקע
ווי אין מיין יוגנט לויכטן זוניק־העל.

## פארגיב מיר, גאט...

פאַרגיב מיר, גאָט, מיין שטילן קומער,
מיין האַרבסטיק־דורכזיכטיקן פּיין.
איך האָב מיין זומער אָפּגעזומערט,
זיך אָפּגעפרעמדט פון זונענשיין.

איך האָב אָן האַרבסט זיך אָנגעאַנקערט
מיט מיין פאַרטאַיעטן געביין.
איך קאָסיע מיינע שורות־זאַנגען
אין זייער בלענדיקן פאַרגיין.

---

**זונטאג, דעם 24־טן דעצעמבער, 8 אַזייגער, דעם סוף חודש־זונטאג**
**אין „בן־אורי" קונסט גאלערי**

14 פאַרטמען סטריט, וו.1.

**די יידישע קלאסיקער פאעטן**

עס וועלן זיך באַטייליקן דאָראַ דימאַנט, נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג, א. בלום.

פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

## לעא קעניג

# די שבעה (ראָמאַן)

(המשך)

פיל ערנסטער האָט דעם גאַנצן ענין גענומען דער דריטער זון, ריטשאַרד, וועלכער האָט זיך אויף אַ פּוסבענקעלע אַוועקגעזעצט פון דער צווייטער זייט פונם „פייערפּלייס״ (קאַמין).

ער האָט אַצינד ערנסט געגלויבט, אַז ער, און נישט לולו און נישט דזשעק, טרויערט אויף אַן אמת. ער איז דאָך אין דער אמתן דער עלטסטער פון אַלע קינדער לויט זייער מוטער. דזשעק און לולו זענען דאָך די עלטסטע פון ר׳ שלמהס ערשט ווייב, פון וועלכער זיי האָבן אַלע אַפילו קיין אַנונג נישט. אמת, ס׳איז אויך זייער טאַטע; און זייער מאַמע איז געווען ווי אַן אמתע מאַמע צו איר מאַנס צוויי זין פון ערשטן ווייב. אָבער דאָך פילט ריטשאַרד, אַז ער דאַרף איצט אַכטונג געבן אַממייסטן אויף דער פאַמיליע. ער ווייסט דאָך, אַז די פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן האָבן אים שטענדיק מער אינטערעסירט ווי יעקבן... האָט ער דען נישט אין זיין „דיינינג־רום״ (עס־צימער) אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון זיין מוטער, וועלכע פאַרנעמט די גאַנצע וואַנט פון אויבן ביז אַראָפּ?

ער האָט שוין פאַר זיך אין שטאָלצן טרויער באַשלאָסן אויך פון טאַטן מאַכן אַזאַ גרויס בילד. אָט די לעצטע פאָטאָגראַפיע מיטן צילינדער־הוט און מיט דער עטוואָס אונטערגעשוירענער באָרד. ער וועט זי אַוועקשטעלן — אויב זיין סאָפי וועט גאָרנישט האָבן דערקעגן — אַקייגנאיבער דער מאַמעס גיגאַנטיש בילד. דער גוטער ריטשאַרד זעט שוין אַפילו ווי די געסט ביים גרויסן עס־טיש שפּיגלען זיך טונקל אינם גלאָז פונם טאַטנס בילד, פּונקט ווי נאָר איין זייט טיש שפּיגלט זיך איצט אינם רעטושירטן טראַכט פון דער מאַמען אונטערן גלאָז...

אויך זיין ווייבס „פּערסאָנאַליטי״ (פּערזענלעכקייט) מיטן אַריסטאָקראַטישן פּנים — וויפל מאָל האָט אים קלאַנג דער אַרטיסט געזאָגט, אַז זיין ווייב האָט אַ פּנים, וואָס לאָזט זיך סטיליזירן, און ער פילט, אַז דאָס מיינט עפּעס געהויבנס — גיט אים צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין לעבן. עפּעס טאַקע ווי נאָר מיט אַזאַ ווייב קען מען זיין אַ קאָפּ פון אַ פאַמיליע. וואָס הייסט, זי איז טאַקע פון גרויס יחוס. ער האָט אַצינד באמת געהאַפּט, אַז זיין ווייב וועט פּועלן ביי איר קרוב, דעם גרויסן גביר, וועלכער איז דער פּרעזידענט פון אַ גרויסער צדקה־סאָסייטי (געזעלשאַפט), ער זאָל קומען זיי מנחם־אבל זיין.

זיין פאָטער איז ביים לעבן נישט געווען אַזוי נאָענט מיט דעם גרויסן שפּילמאַן. אַליין נישט קיין איבעריקער יחסן, האָט ער נישט ליב געהאַט אַנגעבלאָזענע מענטשן; און דער שפּילמאַן איז אַפילו נישט דעם גאַנצן וועג מיטגעפאָרן צום בית־עולם, אָבער ווען ער וועט קומען זיי מנחם־אבל זיין, וועט עס הויבן זיין פּרעסטיזש, אַז אַפילו דזשעק און לולו, וועלכע מאַכן אַ סך בע־



סערע געשעפטן פון אים מיט אברין — און זיי וואַרטן אויף אַ סיטי־מיליאָנער, אַן אמתער ענגלישמען און אַ סיר, מיט וועלכן זיי מאַכן געשעפטן, זאָל זיי קומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט — וועלן האָבן פאַר אים אַביסעלע מער דרך־ארץ.

ער האָט שוין געוווסט ווו צו געפינען דעם טאַטנס נאָך אַ קאַפּל און עס אָנגעטאָן מיט אַ נישט ווילנדיקן זשעסט אויפן הויכן שטערן, וואָס ער האָט געירשנט פונם פאָטער. ווי דער פאָטער איז ער אויך געווען אַביסל זשענזשע און ברייט געבויט. ער איז אָבער פיל פעטער געווען פונם פאָטער.

ריטשאַרדן האָט זיך אַצינד געוואָלט אין האַרצן עפּעס פאַרזאָגן, פאַרזינגען. דער ריטשאַרד האָט געהאַט אַ שטיקל אַרטיסטישן טעמפּעראַמענט. אויף אַלע פאַמיליען־שמחות האָט ער ליב געהאַט זינגען „פּאַיאַצי״. עמיצער אין זיין ווייבס משפּחה האָט אים אַ נאָמען געגעבן „ריטשאַרד מיט דער לייבן שטימע״. זיינע ברידער פלעגן אים פאַר זיין זינגען „קיבעצן״, און זיין ווייב פלעגט עס פאַרדריסן. (אויך דער פאָטער האָט אים פאַר די „שטיקלעך״ נישט איבעריק ליב געהאַט).

אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז ער האָט פאָרט געהאַט אַזאַ שטאַרקע שטימע, וואָס האָט זיך ווי אַליין געריסן פון זיין גרויסן ברוסט־קאַסטן?

עס קען זיין, אַז צוליב זיין טויבלעך אויער, פלעגט ער אַליין נישט הערן ווי פלאַטשיק און שרייענדיק זיינע טענער זיינען אָפּט אַרויסגעקומען.

נישט אַן ווירדע איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָנגעהויבן עפּעס זוכן און מישן צווישן דעם טאַטנס ספרים.

ער איז אויך געווען דער לערנער אין דער משפּחה, זיך געקענט מער ווי זיינע ברידער אין די קליינע פּינטעלעך, פאַרשטאַנען אַ פּסוק פאַרטייטשן, וואָס איז אים זייער פיין צונוץ געקומען אין זיין ווייבס גביריש־חסידישער משפּחה.

— נו, קינדערלעך, לאָמיר נאָר זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים — האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן ליובאַטשקעס קליינטשיקער זיידע, וועלכער איז אַריבערגעקומען פון שול מיט אַ פּאַק סדורים און נאָך אַנדערע ספרים.

ווי אַ רויטלעך־גרוי טייבעלע, האָט זיך דאָס מאָגערע, רירעוודיקע, בעסאַראַבער יידל אַרומגעדרייט צווישן די אבלים און עפּעס געוואָרקעט צופרידן. מען האָט אויף אים גערעדט, אַז ער גיט געלט אויף פּראָצענט; אַז ער איז אָנגעשטאָפּט, ווי קליין ער איז, מיט געלט און מיט יאָרן — ער זאָגט אַליין, אַז ער איז עלטער פון זיין מחותן עליו השלום — און אַז ער איז זייער קאַרג. האָט ער דערפאַר שוין באַשלאָסן מיט „די קינדער״ צו זיין אַ גאַנצע וואָך: דאַוונען מיט זיי שחרית, מנחה ומעריב, און אין איין וועגס מיט זיי איבערבייסן נאָך יעדער תפילה. פאַר אים איז עס געווען נאָך אַ פּרנסה פאַר דער וואָך צייט. אָט פּונקט ווי צוצושטעלן פלעשער וויין פאַר זיינע קונדן ערב אַ יום־טוב.

גייט ער איצט אַרום צווישן די זיצנדיקע אבלים אַ צופרידענער פון זיין נייעם „דזשאָב״, ברומט עפּעס אונטער צופרידן און, פאַרגעסנדיק אַז די קינדער טרויערן, האָט ער אַ פּאָר מאָל מיט אַ פינגער זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די שפּאַקטיוון־גלעזלעך פונם הענגלאָמפּ אין מיטן צימער.

און דאָס פלוצלונגדיקע קלינגען האָט עפּעס מאָדנע געוועקט די אבלים פון זייערע טרויעריקע מחשבות.

אברין, ר׳ שלמהס פערטן זון און זיין ליובאַטשקעס מאַן „געזונט זאָל ער זיין!" — ער האָט זיין אייניקלס מאַן ליב ווי אַן אייגן קינד — איז נישט אַזוי געפעלן געווען וואָס „דער זיידע" דרייט זיך דאָ אַרום. נאָר בטבע זייער אַ געלאַסענער און מיושבדיקער, האָט ער זיך דערפון נישט ווייסנדיק געמאַכט. אין די לעצטע טעג שבעה, פלעגט ער גוטמוטיק אונטערווינקען צו די שוועסטער און ברידער ווי דער אַלטער זשענזשע — כאָטש ער איז אַריבער די זיבעציק, איז זיין בערדל נאָך רויטלעך — רייבט אַריין די קיילעכיקע מאכלים, וואָס איז אַ מצווה אבלים זאָלן זיי עסן.

אברי איז דער מאַטעמאַטיקער און „אַדוואָקאַט" אין דער פאַמיליע.

ער קען גוט רעכענען און האָט אַ שיינע האַנטשריפט — דער פאָטער, וועלכער האָט געגלויבט, אַז אַ שיינע האַנטשריפט איז דער העכסטער סמן פון בילדונג, האָט אים דערפאַר זייער ליב געהאַט — און ער האָט געקענט מאַכן די ביכער ווי דער בעסטער בוכהאַלטער. ווען די גאָלדבלומס געשעפטן זענען נאָך געווען קליין און ער איז נאָך נישט געווען ריטשאַרדס שותף, האָט ער אַלעמענס ביכער געפירט.

ער איז אויך געווען דער שענסטער פון די ברידער. זיין פאָרטרעט מיט רעגלמעסיקע פּנים־שטריכן איז אויך איצט געהאָנגען איבערן פאָטערס בעט. אַלע האָבן אים פון קינדווייז אָן ליב געהאַט פאַר זיין שטילקייט און גוטן קאָפּ. אַז ער האָט גערעדט, עמיצן דערקלערט אַן ענין פון געזעץ אָדער געשעפט, וואָלט מען געקענט שווערן, ווען מען זעט נישט דאָס יונגע פּנים זיינס, אַז עס רעדט אַן אַלטער אַדוואָקאַט.

איז ער זיך אַצינד געזעסן בנעימותדיק, געלאַסן און טרויעריק, אין זיין האַרטן הוט — אָן זיינע רינגען, וואָס זיין ליובאַטשקע האָט ליב געהאַט ער זאָל טראָגן — און אין זיך געשמייכלט פונם זיידן, וועלכן ער האָט ביסלעכווייז, ווי קעגן זיין ווילן, אָנגעהויבן ליב קריגן; אפשר דערפאַר, ווייל זיינע קינדערלעך זענען אַזוי געראָטן אין זייער קליינעם, רירעוודיקן, צאַפּלדיקן עלטער־זיידן... אור־אייניקלעך זאָלן אַזוי געראָטן זיין נישט אין אַ טאַטן, נאָר דווקא אין אַן עלטער־זיידן! אפשר דערפאַר ווייל דער עלטער־זיידע האָט נאָר אַן איין און איינציקע טאָכטער געהאַט; און די איין און איינציקע טאָכטער אויך אַן איין און איינציקע טאָכטער — ליובאַטשקע.

דאָס, וואָס מען רעדט, אַז ער, אברי, וועט אין הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום קריגן אַ גרויסע ירושה פון זיין ליובאַטשקעס זיידן — אַרט אים נישט.

זיינע „סיסטערס אין לאָו" (שוועגערינס) סודן זיך צווישן זיך, אַז זיין שטילקייט און געלאַסנקייט האָט עפּעס צו טאָן מיט אַ ליבע אין זיין פריער יוגנט. ער זאָל זיך האָבן געהאַט שטאַרק פאַרליבט אין אַן ענגליש קריסטלעך מיידל און מיט איר אַ פּאָר וואָכן שוין געווען אַוועק. און דאָס האָט, נאַטירלעך, זייער פיל מי און עגמת נפש געקאָסט דעם „פּרעזידענט" און שמחהן איידער מען האָט אים געראַטעוועט און צוריק אַהיים געבראַכט.



דערפון זאָל שטאַמען זיין איצטיקע געלאַסנקייט און אונטערטעניקייט כמעט? אפשר? וואָס קען מען וויסן פאַרוואָס אַ מענטש איז שטיל און אַזוי אויסערגעוויינלעך מיושבדיק?

אפשר האָט אברין אַביסעלע דערשלאָגן און אין זיך אַריינגעטריבן דאָס, וואָס מען האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט אים צו באַפרייען פון מיליטער בשעת דער מלחמה?

ער האָט געוואָלט זיין אַ זעלנער. יוגנט איז יוגנט. אָבער וואָס פאַר אַ געזונטער יידישער טאַטע וויל עס שיקן אַזאַ שיין און געראָטן קינד מיט אַזאַ וווּנדערלעכע האַנטשריפט אין פייער אַריין?

האָט אויך דאָס שלעפּעניש פון איין גרויסן דאָקטאָר צום צווייטן, וועלכע האָבן אים געזאָלט איינרעדן אַ קרענק, אַרויסגעשלאָגן פון דעם יונגן, שיינעם אברי יעדע לעבנס־פרייד און פאַרלאָשן אין אים פריצייטיק דעם קלינגענדיקן געלעכטער פון יוגנט?

ווער קען וויסן אָט די אַלע זאַכן?

אָט איצט דער יונגערער פון אים, זשאמי, וועלכער האָט דוקא לעבן און ברען, און קאָפּירט נישט ווילנדיק אויך איצט נאָך אברין, וועלכער איז זיין אידעאַל. ער „זיצט" איצט ווי אברי שטיל און טרויערט נאָכן טאַטן, וועלכער האָט אים ליב געהאַט דוקא פאַר זיין כח און ברען, מיט אַראָפּגעלאָזטע, שווייגנדיקע אויגן.

קינדער פון איין טאַטן און אַלע האָבן דאָך באַזונדערע כאַראַקטער שטריכן, מינעס און מחשבות אַצינד. וועגן דעם אייגענעם, איינציקן טאַטן.

מעקסי זיצט מיטן קאָפּ אָן אַ זייט, עפּעס ווי איינגעשפּאַרט אין זיין טרויער. און דער „אינטעליגענט", דער געוויסנהאַפטער סעמי מיט די פענסנע, וועלכן דעם טאַטנס קראַנקייט האָט אַממיינסטן, אויסער רייטשלען, אויסגעמוטשעט, זיצט נעבן די שוועסטער אין ווינקל ביי דער טיר. ער איז אויסגעמוטשעט, ער וואָלט איצט געקענט שלאָפן אַ יאָר צייט נאָכאַנאַנד, אָבער דער „זיידע" האָט אים דערלאַנגט אַ תהלימל, זוכט ער דאָס מיט אויסגעלאָשענע אויגן אַן ענגלישע איבערזעצונג, אַז „ער זאָל פאַרשטיין וואָס ער זאָגט"...

און ביי דער צווייטער זייט פון טיר, נעבן בעט און נעבן לולון און פיטערן, זיצט דער שיינער לאָבוס סעסיל. „ער איז שוין אינגאַנצן אַן ענגלישמען" — זאָגט אויף אים ר׳ שמחה.

זיינע שיינע האָזן־אויגן לויפן אַרום, ווי געפאַנגענע, און זיינע בליקן פאַלן אַריין אין תהלימל, ווי קאַרשן אין אַ טעלערל. ער לויפט אָבער איצט נישט אין גאַס — אַ נאַקעטער אין די קורצע ווייסע הייזלעך — מיט זיינע חברים לאָבוסעס פונם ספּאָרט־קלוב, צו וועלכן ער באַלאַנגט.

אין גאַס, און באַזונדערס אין קאָמערשל רויד, איז האַרבסטיק־קאַלט און רעגנדיק. די נאַכט פאַלט צו. די טראַמווייען קלינגען. און זיי לויפן נאַקעטע, ווייס געפלעקטע ווי יונגע פערדלעך... די פאַרבייגייער ציטערן אַזש אָפּ פון די „היינטיקע יידישע קינדער".

## אביגדור המאירי

פריי איבערזעצט פון רחל דון־יחיא.

### א.

### פאריתומטקייט

ווער אַ מאַמעס קוש ניט געפילט האָט
אויף זיינע ליפּען אומעטום,
דער בלייבט שטום.

אומזיסט זיין שטאַרק געשריי,
זיין אַרום־שפּרודלען אומזיסט, —
נישטאָ וועמען ס׳פאַרדריסט.

ווער ס׳האָט זיך נישט אָנגעזעטיגט
פונ׳ם באַליבטן גוף מיטן זאַפט פון פּראַכט,
דער בלייבט הונגעריק און פאַרשמאַכט.

אומזיסט זיין טרינקען נאָר וואָס קומט צו׳ר האַנט,
אומזיסט זיין פאַרדייען אַלץ אַקטועל, —
דער הונגער שטייט און גיט זיין באַפעל.

וועמען די מאַמעס האַנט דעם ערשטן טראַט
האָט ניט געהאָלפען גיין
דער בלייבט לאָם.

אומזיסט זיין קלעטערן אויף די בערג,
זיבען מאָל טיפער צום אפגרונט, צום
אפגרינט דעם טיפסטען ער פאַלט.

נישטאָ ווער ס׳זאָל צו אים נאָכרופען,
שטיל אַריינשעפּטשען אין תהום.
זיי געזונט — היה שלום!

### ב.

### דער חשבון פון גאר־גארנישט

וואָס איך האָב אויף זיין בריוו ניט געענפערט
בעט איך פון אים סליחה און מחילה;
דעם ענטפער וואָס כ׳האָב צו אים געשריבען
האָב איך מן־הסתם צו אַן אַנדערין געשיקט,
און זיך באַרוהיגט.



וואָס כ׳האָב זיין כבוד במחילה אנגערירט און ערט זיך באַליידיקט,
איז אַ סימן אַז כ׳האָב אים פיינליך געליבט;
כ׳האָב אַנאַנדער „פוקסל" אומאַרעמט אין אַ טעות,
וועלכער ט׳מיך דוקא פיינט אָן שום סיבה, —
סתם פיינט שנאת־מות

וואָס זי האָט אומזיסט אויף מיר געוואַרט און געוואַרט,
איז אַ סימן אַז זי׳ז מיין באשערטע;
מיין בגידה צו איר פאַר אַן אַנדער לא־יוצלח,
ז׳נאר אַ צופאַל, אַן אַרט — אין גאַרנישט פארשיכרט —
אַ טעות, פארנאַרט.

פאר דעם חוב וואָס ער׳ט זיך מיאש געווען,
און מיר פארין בעל־חוב אויסגעקליבען,
זאָל ער מיין נאָמען פון זיין ליסטע אויסמעקין;
כ׳האָב כיפל באַצאָלט מיט מיין בלוט און גייסט, איך בין
קיין בעל־חוב ניט געבליבען.

און איצט אינ׳ם פלונטער פון פלאַץ און צייט,
מיינע פינף חושים „איינגעשלעפערט" זיי כראָפען;
אונגלויבליך איך גלויב, איך גלויב און איך גלויב
אין שקר, אין טויט, מיט דעם יאוש
צוקאָפען.

## רחל דון-יחיא

### א געזאנג

צו אביגדור המאירי — אַ יישר־כח פאַר זיין בוך שירים

עס טוט מיר נישט ווי דיין אַוועקגייז,
דיין קומען ז׳געווען אַ גרויס ליד;
דער אָפּקלאַנג פילט אָן מיין גאַנץ וועזן,
איך זינג און ווער גאָר ניט מיד.

איך זינג צום באַגינען, דער אָנזאָג פון טאָג,
איך זינג אין די שטונדן פון מאָרגן;
דער אָוונט קומט שנעל, מיט גרויס געיאָג,
און פאַרטרייבט פון נעכטן די זאָרגן.

איך זינג צו די זון, איך זינג צו דעם שאָטן,
אין רעגן און כמאַרע קלינגט גאָלדן דיין ליד;
און זינגען, און זינגען איז דאָך ניט פאַרבאָטן,
איך זינג און ווער גאָר ניט מיד.

איך זינג דיין וואָרט פון יאוש און שטראָף,
צוגיסט זיך דאָס ליד ווי פון האַרפן אַ סטראָף;
אַן אויסברוך פון ווייטאָג, ענטוישונג, באַגער,
זינגט זיך דאָס ליד ווי אין האַרצן אַ טרער.

קליגנט גאָלדן דיין ליד, יעדעס וואָרט אַ געזאַנג,
אין טענער פון טיוול צוקלונגען;
דיינס איז דאָס ליד פון מאָרגן, פון היינט,
מיט מח און האַרץ אויסגעזונגען.

---

## ד״ר א. ר. סען

# ווינטער

מיט ווייסע תכריכים בעצויגען,
ווי טויט, ליעגט מיין בליהענדיק פעלד,
און ס׳שטעהען די בוימער געבויגען,
און ס׳גראָען די צווייגען פון קעלט.

פאַרקיממערט ליעגט אויך דאָרט פאַרפרוירען
מיין טייכעל, דער פלאַפלער, און שטומט.
און נאָהענט, מיט דערבע אייז טרערען
קוקט אויס מיין געצעלטעל פאַרשעהמט.

אַרום איז אַלעס פאַרצאָרענט,
דער היממעל ווי בליי, טויט און פוסט . . .
וואָס איז דאָ מיט אַלע געוואָרען?
שטיל פרעג איך מיט פאַרקלעמטער ברוסט.

נור שטום זענען פריינט פון מיין זומער,
זיי ליעגען פארקאַרטשעט, פאַרשמאַכט;
אַ ווינט נור אַ קאַלטער פאַרדרייט זיך אַרום מיר
ער פייפט זיך איראָניש און לאַכט.

ער פייפט מיר מיט קאַלטען געלעכטער:
„ס׳צולאָזט אייך דער זומער, אַ גוואַלד!
„קומט אָבער דער ווינטער, דער שלעכטער —
„דאָ ווערט איהר פארשטומט אַלע באַלד״.



## בן־א. סאַכאַטשעווסקי

# א פענסטער אין שאַרדיטש

(סוף)

אין אָנהויב האָט ער זיך געפילט פרעמד און מאָדנע. קיין זאַך איז אים דאָ ניט געפעלן געוואָרן. די יידן וואָס זענען שבת געקומען אין דער שול האָבן אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק ווי פאַרשטעלטע. עס האָבן אים גע׳חידוש׳ט זייערע צילינדער היטן, די לאַנגע שווארצע רעק מיט געשטרייפטע הויזן.

שניידער מייסטערס, מארק יידן, עפּעס אזעלכע מאָדנע און פארגרעבטע נפשות. זיי אַלע האָבן געוואָלט ריידן בלויז ענגליש, צובראָכן דאָס לשון אויף טויזנטער ברעקלעך, אַ געמיש פון אַ לשון וואָס קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין.

שפּעטער אָבער האָט ער זיך באַגעגנט מיט מענטשן, וואָס זענען פונקט ווי ער אנטלאָפן פון צארישן רוסלאנד, מיט מאנכע ווויל קענער, זיך פאַר׳חבר׳ט מיט זיי און דורך זיי איז לאָנדאָן פאַר אים געוואָרן אַ פארטזעצונג פון אַמאָ־ליקן ווארשע.

אוודאי איז ער געווען פריינדליך צו אַ גאסט, גערן געהאַט צו דערציילן וועגן פריערדיקן לעבן, אָבער פונקט ווי זיין כאראקטער זיינען אויך זיינע ווער־טער געווען פעסט, געציילט, ליב געהאַט צו דערציילן און הערן אַ וויץ, און זיך צולאַכן מיט אַ געזונטן קול.

עס איז געווען דער קאָנטראַסט צווישן מאַן און ווייב וואָס האָט גורם געווען די האַרמאָניע. ישוב הדעת און רואיקייט האָט אויפשטורם שטיל גע־מאַכט. איטה׳ס צאַרטע האַנט האָט טיילמאָל דעם האַרטן אויסדרוק דורך עגמת נפש אוועקגעווישט, און אהרן יצחק איז געווען נאָכגיביק צו זיין ווייב, ווייל איר מילדקייט האָט גובר געווען דעם כוח, וואָס האָט זיך אָפט צושטורמט געגן עוולות.

איטה מאַסטבוים איז געווען אַ חברה, אזא האַרציקע, אזא ליבע, אַ וויסנ־דיקע, און ר׳ אהרן יצחק איז געווען אַ פריינד מיט אַ שטאַרקן ווילן און אָרעם אין פראָטעסט געגן דאָס שלעכטס פון דער וועלט.

מיט איטה׳ן האָט אַ יונגער דיכטער געקענט ריידן שטונדן לאַנג, נאָר ר׳ אהרן יצחק האָט געזוכט מענטשן פון זיין עלטער, די שיינע יידן, וואָס לאָזן אָפט איבער אלע דאגות פרנסה צו דער ווייב. זיי האָבן תמיד צייט, ניטאָ וואָס צו איילן זיך, אַ חכמה, אַ דברי תורה׳לע איז דאָך באמת אַ תענוג, און פּאָליטיק, זכרונות וועגן קאַמף, פּאָגראָמען און רעוואָלוציע איז אויך אַ ענין, וואָס איז ווערט שטענדיקע אויפמערקזאמקייט בשעת אזעלכע שמועסן.

בת שבע, די עלטסטע טאָכטער, האָט טיילווייז גע׳ירש׳נט דעם כאַראַקטער פון דער מוטער, נאָר דער אונטערשיד איז בלויז באשטאַנען אין אויסדרוק פון פנים.

אויך זי איז געווען אַ פאַר׳חלומ׳טע, אַ האַרציקע, נאָר זי האָט געקוקט

אויף דעם לעבן דורך דעם פענסטער פון פראָנט צימער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף קאַלווערט עוועניו.

אין אַ קעצעלע וואָס איז אין אַ רעגנדיקן טאָג אַריבערגעלאָפן די גאַס אַ אָפּגעצוואָגנס, האָט זי געזען אַן אומעטיקייט פון אַ בעל חי, וואָס זי האָט פאַרצייכנט מיט אומעטיקע ווייכע ווערטער, און ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ אומעטיקע סקיצע.

אַ נאַסע אָרימע קאַץ איז אריבער די גאַס, בעת דער רעגן האָט זיך געגאָסן און אריינגעווייגט אין דער וועלט פון אומעט.

אויך אירע לידער וואָס זי האָט געשריבן זיינען געווען פול מיט אומעט, ניט געטראַכט, נאָר דעם אומעט אויסגעזונגען פונקט אזוי ווי ער איז געקומען.

אין די „טרעמפּס״, די היימלאָזע, וואָס פּלעגן זיצן אויף דעם נידריקן ציגל ווענטל ביי דער קירכע אין היי סטריט, שאַרדיטש, אָדער ביי דער קירכע אין קאָמערשל סטריט, האָט זי געזען דעם זעלבן אומעט.

עס איז געווען רחמנות וואָס האָט דעם אומעט ארויסגעבראַכט, די הילפלאָזיקייט פון היימלאָזע אין אַ שטאָדט פון אַ לאַנד פון עשירות.

שאָטנס פון מענטשן, שאָטנס פון אומעט, אונרו, רחמנות צו מענטשן און חיות, צו שאָטנס אויפן וואַנד פון די קעגנאיבערדיקע געביידעס.

דאָס אלץ האָט רעפלעקטירט אין איר נשמה, געפונען אויסדרוק אין וואָרט פון ליד און פּראָזע, און דער חלום געזען לעבן פון דורך דעם פענסטער צוזאַמען געשפּונען, און באַהאָפטן איינס אין אַנדערן, און דאָס איז געווען איר ליד, איר געזאַנג.

דאָס לעבן דורך דעם פענסטער אין קאַלווערט עוועניו.

אויב איטה איז געווען די מאמע פון די קינדער, איז בת שבע געווען דער זייל אויף וועלכן זי אַליין, באוווסט אָדער אונבאוווסט האָט אַרויפגעלייגט דעם גאַנצן עול. זי איז געוואָרן די מאמע פון זאָרג פאר אירע שוועסטער, ברידער און אויך פאר אירע עלטערן.

אלע האָבן צו איר געהאַט צוטרויען, דערציילט סודות וועגן באַגעגענישן, און „מאַמע״־בת שבע האָט גע׳עצה׳ט, געטרייסט, און אין איר טיילמאָל צוהילכט געלעכטער, זיינען דאגות פארשוואונדן און צונישט געוואָרן.

אויך פאר איר איז יואל׳טשע געווען פיל מער ווי אַ ברודער. אין זיין אויפשוואונג אין וווקס אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט האָט זי געזען איר אייגענעם אויפשוואונג און רוהם.

בלויז מיט דער מאמען האָט זי געקענט ריידן וועגן יואל׳טשעס שאפן. זי איז געווען ווי איינס מיט דער מאמעשי. זיי האָבן זיךביידע געוואַרימט איינס אין דאָס אנדערע, געהאַט די זעלבע מחשבות, און געטוליעט אין זייערע נשמות ענלעכע האָפנונגען וועגן יואל׳טשעס אויפשיינענדיקער צוקונפט.

וועגן אירע אייגענע לידער און פּראָזע האָט בת שבע פיל וויניקער געטראַכט ווי וועגן די דערציילונגען און נאָוועלן וואָס יואל׳טשע האָט געשריבן. זי האָט זיך ניט געקענט פארמעסטן מיט אים, ווייל זי האָט אלץ גע־



שריבן אזוי קורץ, אַ סקיצע, אַ סצענקע, אַ ניט דערענדיקט לידל, אַ מאָמענטאַלער אויסגוס פון אומעט וועגן מענטש, חיה און שאָטן.

אסתר און גיטל, אירע צוויי יונגערע שוועסטערס, האָבן שוין באלאַנגט צו אַ אנדערער וועלט. פאר זיי איז די היים אין מאַרלאָו בילדינגס געווען בלויז אַ צייטווייליקע. דאָס לעבן האָט זיי אָנגענומען ביי די הענד און אוועקגעפירט אויף אנדערע און אייגענע וועגן. אסתר האָט זיך געלערנט זיין אַ מאַסאַזשיסטקע און גיטל האָט געהאַט אירע אייגענע דאגות.

בת שבע איז געשטאַנען צווישן זיי, זיך באַמיט אויסצושפּרייטן אירע שוועסטערליך־מאַמענס פליגל איבער זיי, אָבער דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. זיי זיינען געווען אין כאַראַקטער ענלעך צו דעם טאַטן, ר׳ אהרן יצחק. זעלבסטשטענדיק, ניט אָפּהענגיק אין קיינעם און אליין באַשטימט און אויסגעקליבן זייערע וועגן. אָבער דערפאַר זיינען אירע יונגערע ברידער גרישאַ און שמחה געווען דער מקור פון פרייד און אויך זאָרג.

גרישאַ איז אין אויסזען געווען ענלעך צו דעם פאָטער. ער איז געקומען קיין לאָנדאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער בלוזקע ארומגעבונדן מיט אַ גאַרטל, און זיך ניט געוואָלט שיידן פון איר.

ער איז פאַרבליבן דער זעלבער רעוואָלוציאָנער ווי אין וואַרשע, און פאר אים איז לאָנדאָן געווען ניט מער ווי אַ דערווייליקע פארטזעצונג פון דעם לעבן אין צארישן רוסלאַנד.

גרישאַ איז געווען דער פריידיקער לעבעדיקער אָטעם פון דער משפּחה. ער האָט אין די פרייע שטונדן פול געמאַכט די שטוב מיט רוסישע לידער, וואָס ער האָט אליין באַגלייט אויף זיין מאַנדאָלין אָדער גיטאַרע.

די פּאָדלאָגע האָט געקרעכצט אונטער זיינע פיס, און כאָטש ער האָט געטראָגן שיך, האָט זיך דאָך אויסגעדוכט ווי ער וואָלט געווען אָנגעטאָן אין היימישע שטיוול, די הויזן אַריינגעשטעקט און אריבערגעוואָרפן די גלאַנציקע כאָלעוועס, און אז אָט־אָט וועט ער זיך צוטאַנצן אין אַ קאָזאַצקע.

אויב אַ שאָטן פון מרה שחורה האָט זיך אמאָל אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב, האָט גרישאַ׳ס לעבעדיקער פּנים, פרייד און געזאַנג אים פאַרטריבן ווי אַ פרעמד אָנשיקעניש אין זייער הויז.

ער איז געווען דער שמחה׳פולער גייסט אין דער מאַסטבוים משפּחה, און ער האָט ניט געוווסט וואָס עס מיינט אומעט. אַ אידעאַליסט פון לעבן גופא געפורמט, אָבער אַ אידעאַליסט וואָס גייט צו צום קאַמף מיט שמחה און געזאַנג.

מען האָט אים ניט געדאַרפט בעטן עפּעס צו זינגען, ווייל די רוסישע טענער און מעלאָדיעס האָבן זיך פון אים ארויסגעשפּאַרט און צוגאָסן ווי אַ תמיד לעבעדיקער קוואַל, וואָס קיין שום כוח קען נישט אָפּשטעלן.

נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ער דאָ מער ניט געקענט איינזיצן. עס האָט אים געצויגן דאָס אויפשטייגן פון דעם נייעם טאָג, און ער האָט געענטפערט אויף דעם רוף פון זיין רעוואָלוציאָנערע נשמה.

באַשאַ, די יונגסטע פון די טעכטער, איז געווען אזא קליינע און דאַרינקע.

איר האָט געצויגן צו באַלעט. אירע פיסלעך און קליינער גוף האָבן געוואָלט אויסזינגען דעם ריטם וואָס בת שבע און יואל׳טשע האָבן אויסגעזונגען אין געפורמטן ליד און דערציילונג..

דער איינציקער, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ פרעמדע אַטמאָספערע אין דער וואַרשעווער שטוב אין שאָרדיטש איז געווען דער יונגסטער פון די קינדער, שמחה. דאָס איז געווען ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן גיין אין דער עלעמענטאַרער שולע. די יידישע שפּראַך, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן מיטגעבראַכט קיין לאָנדאָן איז אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט, און ביי די מאַסטבוימס אין דער היים האָבן זיך שוין דערהערט ענגלישע ווערטער. מיט דער צייט איז דער נאָמען שמחה אויך פאַרביטן געוואָרן אויף סידני.

אוודאי האָט מען זיך גאָר שטאַרק געצאַצקעט מיט דעם מוזיניקל, וועלכער איז צוליב זיין ריידן ענגליש געוואָרן ווי אַ מין לערער פאַר דער גאַנצער משפחה. ער האָט דאָס נייע לשון אַריינגעבראַכט אין שטוב, און ניט בלויז פאַר די עלטערן, נאָר אויך פאַר זיינע שוועסטערס און ברודער גרישא איז ער געוואָרן דאָס מויל צו וועלכן אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט.

מיט אַ באַזונדערער פרייד האָבן די שוועסטערס זיך צוגעקוקט ווי סידני פלעגט זיצן נאָך די שולע שטונדן און טאָן זיין היים־אַרבייט, ווי יעדער פלייסיקער שילער, און יעדער פּראָגרעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער שולע אין איבערגיין פון קלאַס צו קלאַס האָט יעדעס מאָל אַרויסגערופן אַ געפיל פון באַגייסטערונג צווישן דער גאַנצער פאַמיליע.

כאָטש איטה, די מאַמע, איז נאָך ניט געווען אימשטאַנד צו לייענען ענגליש, האָט זי געהאַט אַ נחת רוח פון יעדן באַריכט וואָס ס׳דני׳ האָט אַהיים געבראַכט וועגן זיך פון דער שולע. דאָרט, אין די באַריכטן, איז אָנגעגעבן געוואָרן דער פּראָגרעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין פאַרלויף פון יעדן שול זמן. ער האָט געמוזט אַלעס אויפקלערן וואָס עס מיינען די פאַרשידענע ציפערן וואָס זיינען וועגן אים אָנגעגעבן געוואָרן, און אין וועלכע סוביעקטן ער איז געווען מער דערפאָלגרייך און זיך אַממיינסטן אויסגעצייכנט.

מען האָט אין דער שטוב שוין אָנגעהויבן אויפכאַפּן מאַנכע פון די ווערטער וואָס סידני האָט אַריינגעבראַכט. עס האָט זיך שוין באַוויזן אַ ענגלישע אָוונט צייטונג, אַ „סטאַר“, אָדער אַ בוך, און די נייע שפּראַך, ענגליש, האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן צווישן דער משפחה.

סידני איז געווען אַזאַ שטילער יינגל, אַ מתמיד, און צוליב דער נייער וועלט, וואָס האָט אים אין אירע אָרעמס אַריינגענומען, האָט זיך אָפּט אויסגעדאַכט ווי עפּעס אַ פרעמדליכקייט וואָלט פון אים אָפּגעאָטעמט אין דער אייגענער היים, און ווי ער וואָלט באַלאַנגט ניט דאָ נאָר ערגעץ אַנדערשוואו.

אַפילו דעמאָלט ווען די גאַנצע משפחה איז זיך אין די אָוונטן צוזאַמען געקומען, די עלטערן און די קינדער, און אין שטוב האָט געהערשט טומל און פריילעכקייט, איז סידני געזעסן ביי אַ טישל אין שלאָף צימער און דאָרט געטאָן זיין היים ארבייט, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ זייטיקער, אַ איינגעדונ־



גענער, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו דעם אַלעם וואָס קומט פאָר אין דעם גאַסט און שפייז צימער.

ער האָט ניט געהאַט קיין אויער פאַר די דיסקוסיעס, וואָס זיינע שוועסטער האָבן אָנגעפירט וועגן פּאָליטיק, פּאַרטייען און אַנדערע פראַגן. אויך די אַרויסשפּראָצנדיקע פרייד און געזאַנג פון זיין ברודער גרישא האָבן אויף אים ניט געווירקט. דאָס אָפּטע צוטאַנצן זיך פון זיין לעבנס־לוסטיקע שוועסטער באַשא האָבן אים אויך לחלוטין ניט פאַראינטערעסירט.

סידני האָט געהאַט אַ וועג פאַר זיך אַליין, דער וועג פון שטודיום, די חלומות וועגן דערגרייכן אַ תכלית, אַ קאַריערע דורך מוח אָנשטרענגונג. דער דאָזיקער חלום איז געווען צו ווערן אַן ארכיטעקט.

עס זיינען געווען צייטן, ווען די פאַמיליע האָט געליטן, אפשר אונטערגעהונגערט, נאָר אין דער שטוב איז דאָס פאַר דעם אויג פון אַ באַזוכער ניט געווען צו באַמערקן. אַ ריינע און ציכטיקע יום טובדיקייט איז דאָרט געווען אויסגעשפּרייט, אַ רייכטום, וואָס האָט אַפילו פון דלות אַרויסגעשימערירט און צולייגט אַרום זיך רו און מנוחה.

איך בין נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צו דעם פענסטער אויפן צווייטן שטאָק אין די מאַרלאָו בילדינגס, קאַלווערט עוועניו, שאָרדיטש.

אַמאָל איז דאָרט, אונטער דעם פענסטער, געווען לעבן, חלומות און אידעאַלן. מען פלעגט פון דאָרט אַראָפּקוקן און דערוואַרטן מיין אָנקום.

איצט איז אויך דאָס זעלביקע פענסטער אָפן, נאָר קיינער קוקט פון דאָרט צו מיר ניט אַראָפּ, און עס בויגן זיך אויך שוין מער ניט אַרויס איטה׳ס הענט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַראָפּדערלאַנגען כדי אַרויפצוהויבן מיין זון אַלבערט, וועלכער געפינט זיך אויך שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג אין דער וועלט פון פיזישן אויפהער פונקט אַזוי ווי די עלטערן פון דער מאַסטבוים משפּחה.

עס זיינען דאָ אַ סך פענסטער ניט בלויז אין שאָרדיטש נאָר אויך אין אַנדערע גאַסן און דיסטריקטן פון לאָנדאָן, פענסטער, וואָס האָבן איבערגעלאָזן געשיכטע פון נעכטן, פענסטער וואָס דערמאָנען אין אַנדערע טעג, אין יונגע יאָרן, פענסטער וואָס דערציילן פון אַן אַנדער לעבן.

איך ווייס ניט ווען איך וועל מיך ווידער אָפּשטעלן ביי איינעם פון די פענסטער, און כאָטש אין קורצע שטריכן אויפלעבן דעם נעכטן פאַר דעם היינט, און אוועקשטעלן כאָטש אַ קליין מצבה׳לע וועגן דעם וואָס די שוין איצט חרובע איסט ענדער גאַסן און געסלאַך זיינען אַמאָל געווען.

איך האָב נאָך אַמאָל אויפגעהויבן מיין קאָפּ צו דעם פענסטער אין שאָרדיטש, עס איז פונקט אַזוי ווי פריער געווען אָפן אַריינצונעמען אין זיך די זומערדיקע שטראַלן פון דער זון, נאָר קיינער האָט פון דאָרט צו מיר ניט אַראָפּגעקוקט, און ניט באַמערקט ווי אַ מענטש שוין לאַנג אַריבער די מיטעלע יאָרן קוקט אַהין אַרויף, זוכט און וואַרט אויף עפּעס. נאָר אַלץ אומזיסט ווייל דער נעכטן קערט זיך קיינמאָל מער ניט אום.

דאָס מאַסטבוים פענסטער אין שאָרדיטש האָט פאַרלוירן די זעענדיקע אויגן, ווייל צייט און יאָרן האָבן זיי אויף אייביק פאַרמאַכט

## א. נ. שטענצל

# צוויי חנוכה־סאָנעטן

## I

## דער מכבי־סאַלוט

(שלמהלען צו זיין בר־מצוה אין ישראל)

אויפן הר־ציון אַ סאָלדאַט אַהין און צוריק,
אויף זיין אַקסל דאָס געלאָדענע געווער,
ביי יעטוועדן אויסדריי זיך, ביי יעדן אומקער,
טיף אין האַרצן אים ווי מיט אַ מעסער אַ צוויק.

ווען פון פינסטערניש ער הויבט אויף זיין גליאיקן בליק.
פילט ער אויף פנים דעם קאַלטן רעגן נישט מער —
עס קייקלט זיך הייס דעראויף אַ טרער נאָך אַ טרער:
אונטן נישט די מנורה — עס ברענט אַ קאַגעניק!

פינסטערניש, רעגן, טעמפּ הילכן זיינע שריט אָפּ —
נעמט ער פלינק פון אַקסל זיין ביקס אַראָפּ,
און עס לייכט אויף אַ שאָס אין דער הילכעדיקער נאַכט —
— — — — — — — — — — —

אויף הר־ציון אַ סאָלדאַט אַהין און אַהער —
דער סנדל־המסומר* פון די מאַקאַבעער
גייט אַרויף און אַראָפּ נאָך צווישן די בערג און וואַכט.

## „נס גדול היה שם"

(דעם אַלטן פריינט נחמיה גילבערט פאַר זיינע דריידערלעך)

## II

אין מאה־שערים, אין פינסטערן ספרים־קלייטל,
גאָרגלט ס׳גראַמאָפאָנדל מיט אַמעריקאַנער פלאַטן;
און אויף דער זייט גרענעץ, אין וואַך־ביידל צוויי סאָלדאַטן,
שניידן גרויסע פענעצן פון אַ זעלנעריש ברייטל.

פינסטער חושך, פון אַ פענסטער אַ חנוכה־קנייטל,
צאַנקט אַריבער דורכן רעגן מיט אַ ליכט אַ מאַטן;
„געדענקט איר נאָך דאָס דריידל און חנוכה־געלד פון טאַטן?"
רופט זיך אָן צו די סאָלדאַטן דאָס ייִנגע „יעפּרייטל".**

---

*) אַ לעגענדאַרער שוך אין די מלחמות פון די מכבים.

**) אַ צוויי בענדלדיקער זוואָדנער.



און פון אַ הילז אַרויס אַ קויל ער דרייט פלינק אַרויס,
קריצט דעם „נס גדול היה שם" קונציק דערין אויס,
און צום שפּילן אַרום טיש זיי זעצן זיך צוזאַמען.

פינסטער חושך דרויסן, ס׳רעגנט, עס גיסט מיט קאַנען,
און די גרענעץ אַריבער, ווו די וואַכן שפּאַנען,
הילכט פון מאה־שערים „אַ בריוועלע דער מאַמען".

## ירושלים

אין חברון פאַרוואָרפן עס ליגן די אבות,
און די מאַמע רחל אין בית לחם דאָ;
און ירושלים — אַ האַרץ אַ צעריסנס,
שרייט אין שוואַרצער נאַכט אַריין: „קול אומר קרא"!

אָבער וואָס זאָל דאָס רופן און וועמען רופן,
וואָס נוצט עס, ווער ברויך עס, בחנם די מי,
אויף דיין הר־המוריה איז נאָר אַ קבר,
אויב פאַרגעסן דער ניגון פונ׳ם „ואני".

די צעריסענע לאַמטער פון חדר־ייִנגלעך,
דאָס צאַנקענדיקע ליכטל לעשט זיך אין ווינט,
עס יאָגן די שקצים, זיי לויפן און שרייען — — —
ירושלים, ביזט עס פאַר אונז אַצינד.

## „שומר מה מליל"

מען האָט געהייליקט ליכטלעך אויפן הר־ציון, דערנאָך האָט מען איבער זיי געזאָגט תפילות אין הייל פונ׳ם קדושים־אש, צו פאַר־קויפן אין אַמעריקע.

(אַ איטא־נאַכריכט).

אויף הר־ציון שוועלצט מען שוין ליכטלעך,
און דיינע פסוקים פרעפלט מען דערצו,
אַז עס וואַרפט דיך נישט אַרויס פון קבר,
דוד, מען מוז שוין זיין אַ העלד ווי דו.

אַז דאָס אַש פון מיליאָנען קדושים.
צו דעם נאַרישן שפּיל מ׳נוצט אויך שוין צו,
אפנים, אויך זיינען גבורים,
נישט אַרויס זיי זיינען פון זייער רו.

אַבער איך, אַ שוואַכינק „גלות"־יידל,
אַז איך קוק מיך דעם קערמיס־שפּיל צו,
טויזנט מאָל טייערער ס'ווערט מיר דער „גלות",
און פון מיין טאַטן יעדער ריר און טו —

„מי כמוך באלים אדוני" — —
מאַכט דער טאַטע הייליק די אויגן צו —
אַ קנייטל זיך ליכטיק אָנצוצינדן,
אין פלאַמען אויפצוגיין מיט איינציקן: „נו" — — — —

## אז מיר האבן פארלוירן גאט פון אלע זאכן

(סאָנעט)

אַז מיר האָבן פאַרלוירן גאָט פון אַלע זאַכן,
שטייען זיי אויף אַצינד אונז צו פאַרטיליקן,
אונזערע טעג אויסגעליידיגטע, זיך פאַרביליקן —
פּוסט אויסגעלערטע שענק מיט ליידיקע פאַכן.

עס הילכט איבער אונז נאָך אַזאַ חוזקדיק לאַכן,
ווייטע עכאָס פול געטלעכן באַווייליקן
בלוטיק צעכאָרכעלט פול גלויביק מחוליקן,
בלעטער געראָישן פון פאַרמישנדיקע תנכ"ן.

פון דעם רוישיק ליידיקן געלעכטער אַרויס,
צומאָל אַן איינציק צוטומלט וואָרט בלויז,
אויפצוכאַפּן עס וויל אונז שוין נישט געלינגען.

אין־סופיק טיפער און אָפענער תהום,
אויפברעכט זיך שוין לייביק יעטוועדער אַטאָם,
ביים לעבעדיקן לייב אונז צו פאַרשלינגען.

## תפילה

ס'איז דער גאַנצער אַרום דער אומענדלעכער,
פאַר גאָט אַ שטיל שטיינגעבליבענער טראָט,
און ס'איז די ערד דאָס פּיסנבענקעלע נאָר,
צו פאַלן אין תפילה אויף קני פאַר גאָט.

שעפּטשענדיקע ליפּן, שרייענדיק אין שרעק,
דערציילן שטיל אַ באַהאַלטענעם סוד — — —
מיליאָנען אַטאָמען אויפגעבראָכענע,
אַ הארץ, ווען עס עפנט זיך אויף פאַר גאָט!



און אין כאַאָס פון אויפגעריסענער וועלט,
אַ נייע ערד זיך געשאַפן עס האָט,
אַז אין שרעק געהילטער סוד האָבן זאָל ווו,
צו פאַלן אויף קני אין תפילה פאַר גאָט.

## נאָוועמבער־ביימער

(„חנוכה־געלד" פאַר יוליע)

דאָס לעצטע גאָלדשטיקל איז אָפּגעטוישט שוין —
קופּער־מטבעות וואַלגערן זיך אַרום נאָך,
אָן קלאַנג, פאַרבלאַטיקט, קייקלען זיי זיך,
געפאַלן פון צעריסענעם קעשענע לאָך.

אין לאַכעס, אין צעשליסענע קאַפּאָטעס,
בעטלער אויף קוליעס שטייען די ביימער אַרום,
מיט אַ הילצערנער האַנט, אָן אויסגעשטרעקטער,
שטופּט זיך פאַראויס אַ הויקעוואַטער לאָם און קרום.

ס'קנאַקן אויסגעטרוקנטע אַלטע קנאָכן
און עס בלאָזט דער ווינט אויף צום לעצטן ווירבל־טאַנץ —
אַלע מיט אַמאָל צו דער ערד געשליידערט,
אַ צוגעוואָרפענע זשמעניע וואָלט אויפגעגלאַנצט.

## ווינטער בלומען

I

שוואַרץ בליקן די בייטן צום גרויען הימל אַרויף,
אונטערגעגראָבן אונטער זיי ס'איז די לעצטע בלום.
צי בין איך נישט אויך שוין אונטער דער ערד פאַרשאַרט?
קוקן פינסטער מיינע אויגן אין גרויען אַרום.

צוויי „פאַרגעס מיך נישט" אין וואַזע צו שטעלן,
ווי לאַנג וועלן זיי אויסהאַלטן צו בלייבן פריש?
עס פאַלט בלאס מיין מידער בליק, בלוי־פאַרוועקלט,
אַ בלעטל פון וואַזע וואָס פאַלט שטיל אויפן טיש.

II

פון אטעם מיינעם, אין מיין קאַלטן שטיבל,
עס וועלן בלומען צייטיקן אויף די שויבן,

מיט געפרוירענע פינגער כ׳וועל זיי רייסן,
די שענסטע דיר צו שיקן כ׳וועל פון זיי אויסקלויבן.

אָבער נישט מער אין אַ גלעזערנע וואַזע —
אין האַרץ אַריין וועסט די בלומען מוזן שטעלן!
און דאָס וואַסער פאַר זיי, פריש צו דערהאַלטן,
דיינע פליסנדיקע טרערן זיין דעמלט וועלן.

## דאָס ליכט

דאָס ליכט אויפן פנים ס׳ווערט אויסגעלאָשן,
ווי לאַנג דען קאָן אַ ווידערשיין נאָך לויכטן;
עס זעצט זיך די זון, אין טאָל זי גייט אונטער,
און פינסטער מען בלייבט אויף שפּיץ, אויף דערהויכטן.

אָבער אין האַרצן, אַז מען טראָגט דאָס ליכט,
קיינמאָל נישט עס קאָן פאַרלאָשן שוין ווערן!
זיי לויכטן נאָך, איבער פנים רינענדיק,
פון די אויגן די טריפנדיקע טרערן.

און אַז אויף אַש עס ווערט פאַרשרפהט דאָס האַרץ
טליענדיקער פונק אונטער אַש בלייבט ליגן — —
אַ ציענדיקער טאָן, אַ נאָגנדיקער,
געבליבן פון אַ פאַרגעסענעם ניגון —
— — — — — — — — — —

אָ, ווי ליכטיק אויפשטראַלן ס׳קאָן אַ פנים,
מיט צעטאַנצטע שאָטנס פון טויזנט פאַלטן,
ווען לעצטער געטלי, אין שטילן אויסצאַנקן,
מיט פאַרקנייטשטן שטערן מ׳קאָן עס פעסטהאַלטן.

---

אפרים טויבענהויז

## מכבי׳ער אונטער די פענער פון צענדליקער מדינות אין ישראל

(אַן איבערבליק איבער די מכבי׳אדע פייערלעכקייטן)

פון אַלע עקן וועלט, אונטער די נאַציאָנאַלע פענער פון צענדליקער מדינות, זענען זיך צונויפגעקומען קיין ישראל, אויסדערוויילטע יידישע ספאָרט־



לער, וואָס רעפרעזענטירן די פאַרשידענע יידישע קיבוצים אין גאָר דער וועלט, בכדי צו פייערן די גרויסע יידישע ספאָרט־שמחה — די דריטע וועלט־מכבי׳אדע אין דעם נייעם אומאָפהענגיקן ישראל־שטאָט.

מיט זייער פייערלעכע איינדרוקספולע מאָמענטן, ממש פאָלקס מאַניפעסטאַטיווע, איז רייך די איצטיקע מכבי׳אדע. זייער רירענד איז געווען די דערעפנונג מיט די „יזכור“־תפילות, צום אָנדענק פון די געפאַלענע העלדן ביי די נישט לאַנג פאָרגעקומענע שלאַכטן פאַר ישראל׳ס אומאָפהענגיקייט.

די רעפרעזענטאַנטן פון יידישן גבורה־קולט האָבן געבויגן זייער פענער צו באַערן דעם אָנדענק פון די אמתע גבורים פון פאָלק. זענען דאָך די אמתע מכבים געווען נישט קיין ספאָרטלער, נאָר נאַציאָנאַלע מלחמה העלדן, וואָס האָבן מיט זייער לעבן אָפפערנדיק אויסגעקעמפט די אומאָפהענגיקייט פאַר ישראל, און זיי האָבן גלייכצייטיק באַקעמפט די פרעמדע קולטן פון די גריכן און די רוימער, וואָס זענען טיילווייז אויך באַשטאַנען פון בלוטיקע ספאָרט אָלימפּיאַדעס, אָבער אַנדערש איז דער צוגאַנג צו די פראַגן פון די נייע „מאַקאַבייער“, וואָס ווילן, אַז יידן זאָלן נישט זיין אונטערשטעליק לגבי אַנדערע פעלקער אויך אויפן געביט פון ספאָרט.

דער גאַנצער גאַנג פון דער וועלט־מכבי׳אַדע איז זייער אַ פייערלעכער. פונם מאָמענט פון איר דערעפנונג מיט די שאָסן פון די האַרמאַטן און דער פייערלעכער מאַרש פון די פאַרשידענע דעלעגאַציעס אין זייערע ספעציפישע פיל־פאַרביקע קליידונג און די פענער פון זייערע לענדער, וואָס זיי רעפרעזענטירן, און די רעדעס פון רמת גנ׳ער בירגערמייסטער און די יידישע מיניסטאָרן, וועלכע האָבן אַלע באַטאָנט דעם גרויסן פייערלעכן מאָמענט, וואָס דער יידישער ספאָרט אין גאָר דער וועלט לעבט איבער, מיט דער ענטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, צו וועלכער די מכבי־באַוועגונג האָט געשטרעבט פונם ערשטן טאָג פון איר ענטשטייאונג.

הגם ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין אונטערקוליסן־שטרייטן צווישן די רעפרעזענטאַנץ פון מדינת ישראל, אַזוי האָבן די פאָרשטייער פון „הפועל“ און דער „ביתר“ נישט געקענט מוחל זיין דעם „מכבי“ זיין אייגענער פאָליטישער ליניע, וואָסאָ איז, ווי באַוווסט, געגאַנגען אין ישראל מיט אַן אייגענער ליסטע צו די פאַרלאַמענט וואַלן, דאָך זענען זיי געקומען צווישן זיך צו אַן אויסגלייך, און יעדע איינע האָט פאַרטראָטן מדינת ישראל אונטער איר אייגענער פאָן און זייער אייגענע סימבאָלישע קליידונג.

נאָכן דערשיינען ביים פרעזידיום אַן אָפּטיילונג פון יידישע מאַטראָזן, הויבט אָן דער מיליטערישער אָרקעסטער צו שפילן דעם „הגנה“־הימן און ס׳הויבן אָן צו מאַרשירן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס. די ערשטע מאַרשירט די אַמעריקאַנער דעליגאַציע מיט דעם פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, געקליידעט אין גראַנאַטענע סורדוטן און גרויע היטעלעך, נאָכהער די ענגלישע דעלעגאַציע, אין בלויע מארינארקעס און בערעטן אויף די קעפּ. די ענגלישע פאָן טראָגט אַ שוואַרץ־הויטיקער מוזשין, אַ ייד פון טרינידאד, נאָכהער די

צפון־אַפריקאַנער אין גרינער קליידונג, נאָכהער די אויסטראַלישע, נאָכהער די עסטרייכישע דעלעגאַציע אין העל־בלויער קליידונג מיט אַ רויט־ווייס־רויטער פאָן, נאָכהער די אירלענדער, די בעלגיער, די דענישע און נאָך זיי מאַרשירט די הינדישע דעלעגאַציע, געקליידעט אין גרויסע גרויע טורבאַנען, נאָכהער די דעלעגאַציעס פון ליביען, טערקיי, פינלאַנד, קאַנאַדע, שוואַצאַריע און אַנד. צום סוף באַווייזן זיך די „ישראל־דעלעגאַציעס". דער „מכבי" אין בלויער קליידונג; דער „הפועל" אין רויטער קליידונג; דער „ביתר" אין ברוינער קליידונג און נאָך אַנדערע אין גרינער קליידונג.

זייער פייערלעך איז געווען דער מאָמענט, ווען די אַלע ספּאָרטלער האָבן געשווירן זייער „שבועה" פאַר זייער איבערגעבנקייט צו דער אייביקער הייליקער שטאָט ירושלים און פאַר דעם פרידן...

אין דער זעלבער צייט דערשיינט דער „לויפער" וואָס איז נאָרוואָס געקומען צו לויפן פון מכבים־דאָרף „מודיעין" און האַלט אין האַנט אַ ליכט־פאַקעל, וואָס ער האָט אָנגעצונדן אין דעם היסטאָרישן דאָרף פון די חשמונאים, וואָס איז ווי אַ צייכן, אַז דאָס ליכט וואָס איז אָנגעצונדן מיט 2,300 יאָר צוריק איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן און ווערט ווייטער געטראָגן ווי אַ ליכט־סימבאָל פון פאָלק.

די מכביאדע באַגרענעצט זיך נישט אין איין אָרט. איבער גאַנץ ישראל אַזוי אין די שטעט ווי אין די קאָלאָניעס, ווי תל אביב, ירושלים, חיפה, טבריה, צפת, פתח־תקוה, רמת גן, רחובות און אַנדערע קומען פאָר די ספּאָרט פייערלעכקייטן מיט דער באַטייליקונג פון די מכבי'אַדע אַנטייל נעמער. אַזוי קומט פאָר אין חיפה די שווים־ספּאָרטן, אין ירושלים די טעניס שפּילערייען און אַנד. אין רחובות — די לויף־ספּאָרטן, און איצט די גרויסע ספּאָרט־מענטשן אין תל אביב און רמת גן אויף די פאַרשידענע ספּאָרט געביטן, וואָס שטייען אַלע אויף אַ הויכן ניוואָ און ווערן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען דורך זייערע צענדליקער טויזנטער באַזוכער.

די גרויסע מכבי'אַדע פייערלעכקייטן גייען צו זייער ענד.

אַ גאָר גרויסער אַטראַקציע איז דער פייערלעכער שלוס, אין וועלכן עס נעמען אַנטייל די מיליטערישע ספּאָרטלער און ווייזן זייערע פאַרשידענע מיליטערישע אימפּראָוויזאַציעס. אַזוי נעמען אַנטייל דער לופט־פלאָט פון ישראל מיט זיינער אַ גרופּע „צנחנים" („פּאַראַטרופּס"), וואָס שפּרינגען אַרויס פון זייערע עראָפּלאַנען גלייך אויף דער אַרענע פון דעם איצטדיון, און מיט פייערלעכע באַנקעטן, טענץ און געזאַנג.

## שרה־סאלע מאזעס ז"ל

צו מענדל מאזעס, ניו־יאָרק.

מיר זיינען מיט דיר אין דיין טיפער טרויער.

תנחם בתוך שאר אבלי ישראל.

לאָנדאָן, כ' כסלו, תשי"א.

יעקב, יהודית און אורי מ. מייטליס.



דר. יעקב י. מייטליס

# שיבת ציון אמאָל און היינט*)

(סוף)

## ב. עזרא

ווער איז געווען אָט דער שליח פון די יידן פון בבל, וואָס אין זיין האַנט האָט מען געלייגט דעם גורל פון ישוב אין יהודה? אין די תנכישע מקורים ווערט ער אָנגערופן עזרא דער כהן און סופר. ער האָט אַלזאָ אָפּגעשטאַמט פון דער כהנים־אַריסטאָקראַטיע און איז געווען אַ פּראָמינענטער פאַרטרעטער פון דער געבילדעטער גייסטלעכקייט. דערצו איז ער געווען אַ שרייבער און אַ געלערנטער, אַ פאָרשער פון געזעץ. פון נאַטור אַ טיף־רעליגיעזער מענטש, האָט ער געזען די צוקונפט פון פאָלק אין זיין רעליגיעזער באַנייאונג. זיין אידעאַל איז נישט געווען מאכט־פּאָליטיק און נאַציאָנאַלע גרויסקייט פאַר יעדן פּרייז. פאַר אים דעם רעליגיעזן פירער איז די גרויסקייט פון פאָלק, זיין גלאַנצפולע צוקונפט באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס זאָל זיין אַ געהייליקט פאָלק, אַ ממלכת כהנים. דערפאַר טאַקע איז ער, דוכט זיך, נוטה געווען צו אַקצעפּטירן אַ מין נאַציאָנאַלען מינימום־פּראָגראַם, כדי צו קענען בויען רואיק זיין מלוכה־בנין, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו שטיין טויזנטער יאָרן. זיין אויפגאַבע איז דערפאַר געווען אויפצובויען אַ געזונטן, הגם נומעריש קליינעם ישוב, אָן יעטוועדע מאכט־פּאָליטישע טענדענצן, וואָס זאָל לעבן אין גייסט פון דער תורה און פון דער אַלטער, געהייליקטער טראַדיציע.

אין פרילינג פון יאָר 458 פאַר דער היינטיקער צייטרעכענונג גייט עזרא אַרויף קיין ירושלים אין שליחות פון די יידן אין בבל, כדי אוועקצושטעלן דאָס עפנטלעכע לעבן אויף געזונטערע יסודות. זיין מאַנדאַט, זעט זיך אויס, איז געווען, אַדורכצופירן אַ רעפאָרם אויפן רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן געביט, אַרומצוצימען און אָפּהיטן דאָס פאָלק־לעבן פון שעדלעכע השפעות פון דרויסן און שטאַרקן עס כלפי פנים, כדי עס זאָל האָבן אַ קיום. דערצו האָט ער אויך געהאַט די פולע אויטאָריטעט פון פּערסישן קעניג אַרטאַקסערקסעס.

מיט עזראן זיינען דעמאָלט אויך אויסגעוואַנדערט עטלעכע טויזנט מענטשן פון בבל און צווישן זיי חטוש בן זקניה, אַן אוראייניקל פון זרובבלן, אַלזאָ אַ מיטגליד פון דעם בײם פאָלק פאַרהערלעכטן מלכות בית דוד. דער קעניג און זיינע מיניסטאָרן האָבן מיטגעגעבן רייכע מתנות אין גאָלד און אין זילבער פאַר דעם בית המקדש אין ירושלים. אין זיין דעקרעט צו עזראן האָט דער קעניג באַשטימט, אַז די קאָסטן פון דינסט אין בית המקדש זאָלן ווערן געדעקט פון דער מלוכה־קאַסע און אַז דער גאַנצער פּערסאָנעל פון בית המקדש זאָל זיין פריי פון שטייערן. דאָס זענען געווען בלי ספק גאָר וויכטיקע קאָנצעסיעס מצד דער פּערסישער מאַכט.

שריט ביי שריט האָט זיך עזרא גענומען אויסצופירן זיין פּראָגראַם. כדי צו באַזייטיקן די הארבע סכנה פון די געמישטע חתונות, וואָס האָט ממש שוין

*) המשך פון נומער 8 „לשון און לעבן" (אויגוסט, 1950).

באַדראָט דעם עצם קיום פון פאָלק, רופט עזרא צענויף אַן אַלגעמיינע פאָלק־
פאַרזאמלונג פון די בני הגולה, דער קערן פון די צוריקגעקומענע און פאַר־
לאנגט די אָפּזונדערונג פון די פרעמדע פרויען. אזוי האָט פארלאנגט די טעאָריע
פון „עם קדוש", די ריינקייט פון פאָלק־לעבן. זיין אקציע האָט געהאט אַ דער־
פאָלג. דאָס פאָלק, בעיקר אָבער די פירערשאפט, פארפליכטעט זיך אָפּצוזונ־
דערן פון זייערע פרעמדע פרויען לויט דעם געזעץ פון עזראַן.

עזרא האָט אויך איינגעפירט אָרדנונג אין דעם ריטואַל־דינסט פון בית־
המקדש און אדורכגעפירט אַ ריי וואָגיקע רעפאָרמען און געזעצן סיי אויפן
ציווילן און סיי אויפן פאָליטיש־אַדמיניסטראטיוון געביט, וואָס האָבן מיט דער
צייט אַרומגענומען און רעגולירט דאָס גאנצע לעבן פון פאָלק. דער יסוד פאַר
דעם אלעם איז געווען די תורה, וואָס ער האָט מיטגעבראכט פון בבל, אַ
גאונישע יצירה, פול מיט עטיש־רעליגיעזע פאָסטולאָטן און טיפער הומאַני־
טעט, וואָס האָט לאנגזאם איבערגעפורעמט און איבערגעווערטעט דאָס לעבן פון
פאָלק און געלייגט אַ חותם אויף זיין צוקונפטיקער אנטוויקלונג.

עזרא האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַנוגענען מיט אָט די יסודותדיקע
רעפאָרמען. ער האָט געוואָלט געבן דער שטאָט ירושלים זיכערקייט קעגן אָנ־
פאַלן פון דרויסן און אַ פאָליטישן סטאטוס. אין זומער 447, אלזאָ צען יאָר נאָך
זיין קומען אין לאנד אַריין, איז ער צוגעטראָטן צום בוי פון דער שטאָט־מויער,
וואָס נבוכדנצר האָט געהאט צושטערט. דערמיט האָט ער אָבער נישט געהאט
קיין מזל. עס איז געווען אַ פאָליטישער אקט און איז וויַט אַריבער די ראמען
פון זיין אויטאָריטעט. די פיינדלעכע שומרונים האָבן דערלאנגט אַ מסירה געגן
אים אין פערסישן הויף אַריין. עס האָט געשמעקט מיט מרידה. ארטאקסערק־
סעס רעאגירט גיך. רחום, דער גובערנאַטאָר פון שומרון באקומט דעם באַ־
פעל אָפּצושטעלן דעם בוי. ער טוט זיין ארבעט גאָר גרינדלעך. ער רייסט איין
טיילן פון דער מויער און פארברענט די אַריינגעשטעלטע טויערן.

דאָס איז געווען אַ פאטאלער קלאַפּ פאַר עזראַן. זיין אויטאָריטעט איז גע־
ווען געבראָכן. פאָליטיש איז דאָס געווען דער סוף פון זיין טעטיקייט. ערשט
מיט נחמיהן האָט ער אויסגעפירט אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאבע, וואָס
שטעלט אים אין די פאָדערשטע ריי פון די בויער פון יידישן פאָלק.

נחמיה

נחמיה בן הכליה דער ניי־אָנגעקומענער גובערנאַטאָר אין ירושלים איז
געווען געשניצט פון אַ גאנץ אַנדערן האָלץ ווי עזרא. נחמיה איז נישט געווען
קיין גייסטלעכער פון פאַך, הגם טיף־רעליגיעז אין זיין גאַנצן וועלט־באַנעם.
ער איז אויך נישט געווען דער טיפ געלערנטער, דער מענטש פון בוך, ווי
עזרא. נחמיה איז געווען אַ פאָליטיקער, קלוג, וועלטמעניש, פראקטיש און מיט
אַ סך דערפארונג. פון נאטור אַ רואיקער און אַ שטילער מענטש, איז ער גע־
ווען זאכלעך און באשיידן, וואָס האָט פאַר זיך גופא נישט געזוכט קיין גרויס־
קייטן. ער האָט אָבער געפילט אַ געוואַלטיקע מאָס פון אחריות לגבי דעם פאָלק
און זיין צוקונפט און טאקע אויסגעפירט זיין מיסיע בשלמות; מיט אַ סך ענער־



גיע און עקשנות. ער איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, אַן אומדערמידלעכער
ארבעטער, אויסגעהאלטן, קאנסעקווענט אין זיין ליניע ביז צו הארטקייט.

נחמיה איז געווען איינער פון די הויכע באַדינטע, דער שר המשקים אין
פערסישן הויף און שטארק באליבט ביים קעניג. זיין איינפלוס איז מסתמא
געווען גענוג וואָגיק, אז ער זאָל אים קענען אויסנוצן אויף אַ געשיקטן אופן
לטובת דער פארצווייפלטער פאָליטישער לאגע פון זיינע ברידער אין יהודה.
דער קעניג ווייזט זיך אַרויס סימפּאַטיש, ער גיט נחמיהן אַ לענגערן אורלויב
פון זיינע הויף־פליכטן און שיקט אים אַוועק קיין ירושלים. נחמיה באקומט
פון קעניג די דערלויבעניש אויפצובויען די מויער און ווערט באַגלייך באַשטימט
אלס גובערנאַטאָר פון יהודה.

עס איז ווידער געווען פרילינג און דאָס יאָר איז געווען 445 פאַר אונזער
צייטרעכענונג, אלזאָ פולע דרייצן יאָר נאָך עזראס עליה, לאָזט זיך נחמיה מיט
ברייטע פולמאכטן און אַ הויכן אמט אין וועג אַריין קיין ירושלים. ער פארלאָזט
זיך נישט אויף קיין ניסים, נאָר נעמט מיט אַ מיליטערישן קאָנוואָי, וואָס זאָל
אים אונטערוועגס היטן פון אָנפאלן. ער פירט מיט זיך אויך מיט בריף צו די
פארשיידענע פראָווינץ־גובערנאַטאָרן אים צו העלפן, בעיקר צו דעם קעניג־
לעכן אויפזעער אויף די וועלדער, אז מען זאָל אים געבן געהילץ צום בוי פון
דער מויער און די טויערן.

אָנגעקומען קיין ירושלים נעמט זיך נחמיה פאמעלעך און מיט אַ סך פאָר־
זיכטיקייט אויספירן זיין שליחות. ער דערווארט שטערונגען, היינט צו וואָס צו
פרי אויפדעקן זיין פלאַן. איינער אליין אין אַ טונקעלער נאכט רייט ער אַרויס
צו דער מויער, כדי צו זען די גרויס פון די שאָדענעס. ערשט דערנאָך דער־
ציילט ער די פירער פון פאָלק זיין פלאַן און נעמט זיך באַלד צום בוי פון דער
מויער מיט אַ סך ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט. בשעת די שומרונים מיט זייער
נייעם גובערנאַטאָר סאנבאלאט ווילן ווידער אַמאָל שטערן און פרובן אים צו
באשולדיקן אין פארראט, אז ער פלאנט מרידה קעגן פערסיע, דערשרעקט זיך
נחמיה נישט, נאָר ענטפערט זיי מיט כאראקטעריסטישער פעסטקייט: דאָס
איז נישט אייער זאך. מיר וועלן בויען די מויער און איר האָט נישט קיין חלק
און קיין שום רעכט אין ירושלים! דאָס איז געווען אַ שארפער אָפּזאָג צו די
שומרונים, וואָס האָבן נאָך אלץ געזוכט אַ דערנענטערונג מיט יהודה. נחמיה
האָט גיך געצויגן אַ שיידונג־ליניע. ער האָט זיך פון זיי אָפּגעזאָגט אויף אייביק.

די מויער ארבעט האָט ער אויפן בעסטן אופן אָרגאַניזירט. ער האָט די
ארבעט פארטיילט אויף איינצעלנע שטרעקעס לויט די צאָל פירנדיקע משפחות.
יעדע משפחה האָט געמוזט אויספירן אַ געוויסן טייל פון בוי, וואָס האָט אַזוי
אַרום פארשנעלערט די ארבעט. כדי צו זיין געזיכערט קעגן אָנפאלן פון די
שונאים, האָט ער אָרגאַניזירט אַ וואַך־ און אַן אלארעם־דינסט, וואָס האָט
פונקציאָנירט סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. די לאגע איז געווען אזא אָנגע־
שטרענגטע, אז מען האָט געמוזט בויען „מיט איין האנד האלטנדיק די מויערער־
קעליע און מיט דער אנדערער דאָס שווערט". זיינע שונאים האָבן זיך איינגע־
בראָכן אין נחמיהס אייזערנעם, אומבויגעוודיקן ווילן.

אין משך פון עטלעכע הארטע ארבעט־וואָכן האָט נחמיה מיטן גאַנצן כוח פאָרטגעזעצט דעם בוי פון דער מויער, וואָס איז געווען פון העכסטער פּאָליטישער וויכטיקייט. נחמיהס אומדערשראָקענער, פעסטער ווילן האָט געזיגט. די מויער איז פארטיק געוואָרן נאָך 52 טעג און דאָס פאָלק האָט געפייערט דעם „חנוכת הבית" פון דער מויער מיט סך פרייד און פּאָמפּ. עס זענען פאָרגעקומען פייערלעכע פּראָצעסיעס מיט געזאַנג און פלייט־שפּיל. די שטימונג אין ירושלים איז געווען זייער אַ געהויבענע.

ערשט דעמאָלט האָט נחמיה און מיט אים צוזאַמען עזרא צונויפגערופן די גרויסע פאָלק־פארזאַמלונג אין תשרי 445, ווו מען האָט באַנייט דעם בונד מיט גאָט לויט דער תורה פון משהן. ביי דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן אַקט האָט עזרא געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע. ער איז געשטאַנען פאַרן פאָלק, פאָרגעלייענט די תורה און דעם טעקסט פאַרטייטשט פאַרן עולם. דערנאָך האָט מען געפּראַוועט מיט גרויס פייערלעכקייט דעם יו"ט פון סוכות, בעת די פרייד און שמחה איז געווען זייער גרויס. אָבער דער קולמינאַציע־פונקט פון אַט די יום־טוב'דיקע וואָכן איז געווען דער 24־טער טאָג אין תשרי. דאָס איז געווען אַ טאָג פון תשובה און פאַסטן, בעת וואָס עס איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער אַקט פון באַנייען דעם ברית, דעם אַלטן בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק לויטן געזעץ פון דער תורה. מען האָט זיך אָפּגעטיילט פון די פרעמדע פעלקער און אויפן אָרט געשלאָסן אַן אָפּמאַך (אמנה), וואָס איז געוואָרן פון אַלעמען געחתמעט.

מיטן דאָזיקן פייערלעכן אַקט ווערט אָפּגעשלאָסן גאָר אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דעם פּראָצעס פון אויספורעמונג און קאָנסאָלידאַציע פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון ערשטן שיבת ציון. אַ הארטער, שווערער געראַנגל, פול מיט אנטוישונגען און אָפּהענטיקייט איז אָנגעגאַנגען פאַר קנאַפּע הונדערט יאָר, ביז עס איז נחמיהן און זיין דור געלונגען אוועקצושטעלן דאָס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע לעבן פון פאָלק אויף אַ געזיכערטער, דויערהאַפטיקער באַזיס. דער בית המקדש, אַלס צענטער פון רעליגיעזן און קולטישן לעבן איז יעצט געווען פעסט איינגעפונדעוועט. ירושלים, אַלס הויפּטשטאָט פון דער נייער מלוכה, איז געשטאַנען אַ באַפעסטיקטע, אַ שטאָלצע און אַ חנעוודיקע ווי אַמאָל. די תורה אין איר גאַנצקייט און טיפער הומאַניטעט איז געוואָרן אָנגענומען פון פאָלק. מיט איר איז געקומען אַ נייער וועלט־באַנעם און אַ נייע אינטערפּרעטאַציע פון דעם יידישן עבר. די ליניע פון גלות בבל האָט געזיגט. עזרא און נחמיה, דער געלערנטער און דער מלוכה־מאַן, אַלס די עקספּאָנענטן פון דער שיטה פון דעם „עם קדוש" (הייליק פאָלק), האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף דער צוקונפט פון פאָלק און געהאָלפן עס אַזוי אויספורעמען, ווי מיר קענען עס ביי היינטיקן טאָג.

* * *



נחמיה איז געשטאַנען פאַר אַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אנטשיידונג אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק. ער האָט געהאַט די זעלטענע מעגלעכקייט צו פאַראייניקן די צוויי ברידער־פעלקער פון דרום און צפון. יהודה פאַראייניקט מיט שומרון האָבן געקענט ווערן אַ וויכטיקער מאַכט־פּאָליטישער פאַקטאָר, האָבן געקענט שפּילן אַ וואָגיקע ראָלע און מסתמא יסודותדיק ענדערן די יידישע געשיכטע. נחמיה האָט זיך אנטשלאָסן אָפּצוזונדערן פון די שומרונים. ער האָט אַדורכגעפירט די אָפּטיילונג פון זיי, ראַדיקאַל און אויף שטענדיק.

זענען אונז גענוג קלאָר די סיבות פון אַט דעם שריט. נחמיה האָט אויף דער איינער זייט געוואָלט פּטור ווערן פון די שטערונגען און אינטריגעס מצד די שומרונים, און אויף דער אַנדערער זייט דערהאַלטן די ריינקייט פון יידישן פאָלק. אָבער פונדעסטוועגן ווילט זיך היינט פרעגן, איז די דאָזיקע עקסקלוסיוויטעט לגבי שומרון געווען באַרעכטיקט, אָדער גאָר פּסיכאָלאָגיש ריכטיק? האָט נישט נחמיה פאַרפּאַסט אַן איינציקאַרטיקע געלעגנהייט אויסצוהיילן אַן אַלטן היסטאָרישן ריס צווישן דרום און צפון און אַדורכפירן אַט די פּאָליטישע פאַראייניקונג? איז דאָך דאָ פאַראַן געווען אַ סיטואַציע, וואָס האָט זיך זינט די טעג פון דער שפּאַלטונג אונטער רחבעמן קיינמאָל נישט אַזוי בולט איבערגעחזרט.

זאָלן מיר ציען דערפון אַ פּאַראַלעל צו אונזער צייט? וועלן היינט די יידן פון מדינת ישראל פּרווון זיך אָפּזאָגן און אַרויסשטויסן יענע, וואָס קענען נישט אָדער זיינען נישט גרייט עולה צו זיין קיין ישראל? קענען מיר זיך דערלויבן צו שאַפן אַ מחיצה צווישן יידן פון דער זייט אָדער פון יענער זייט ישראל? קענען מיר היינט שוין באַשטימען ווער עס זאָל בלייבן עם ישראל און ווער זאָל מוזן חלילה אונטערגיין און ווערן אויסגעמעקט פון ספר ישראל? זאָל ישראל אַלס מדינה און די תפוצות ישראל איבער גאָר דער וועלט בלייבן אָפּגעזונדערט, אָפּגעשיידט פונאַנאַנדער?

זאָל מען זיך אין געוויסע ספערן נישט איילן אַרויסצוטראָגן קיין פּריציטיקן גזר־דין אויפן גלות. קען דערווייל נאָך דער גלות לעבן אין זיין אייגענעם זכות, ער דאַרף נאָך נישט זוכן קיין זכותים פאַר זיך ביי אַנדערע. אויך היינט צו טאָג קען דער גלות שפּילן אַ גרויסע ראָלע פאַר דעם גייסטיקן אויפבוי פון לאַנד, אַלס אַ געוואַלטיקער ענערגיע־שפּייכלער, וואָס קען סטימולירן די גייסטיקע אויספורעמונג פון דער יידישער מדינה. די קולטור־דערגרייכונגען און דערפאַרונגען פון אַ רייכער טויזנט־יאָריקער געשיכטע, בעיקר אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע מוזן מיר אַריינעמען אין גייסטיקן קאַן. אויף אַזאַ רייכן קולטור־באַגאַזש טאָרן מיר נישט מותר זיין.

זאָל מען זיך אָבער אויך היטן פון צו וועלן זען אין דער שותפות פון ישראל און גלות, נאָר אַ געלד־שותפות, אָן דעם נשמהדיקן ציטער און אידייִשער פאַרבינדונג. דערווייל איז נאָך דער ציוניזם אין זיין רענעסאַנס־קאָנצעפּציע בכח איבערצופורעמען יסודותדיק טיילן, אויב נישט גרויסע טיילן פון דער יידישער יוגנט, אין איר אַריינטראָגן אַ בענקשאַפט און אומרו, צע־

צינדן אין איר אַ פלאַמעדיקע באַגייסטערונג פאַר דעם גרויסן שנוי ערכין אין ישראל. טאָר מען בפירוש נישט אָט דעם ריינעם אידעאַליזם פון דער יוגנט צעבייטן אויף קליינגעלד און פון דעם גרויסן אידעאַל ציון מאכן אַן ענין פון צדקה און פון „געזעלשאפטלעכער" טעטיקייט, אַ באַוועגונג אָן נשמה און אינ־האלט.

האָט דער גלות אלס אזעלכער נאָך גרויסע אויפגאבן. ער האָט נאָך גענוג וויטאליטעט, כדי צו העלפן ישראל אין זיין פראָצעס פון פורעמונג און אפשר גאָר אין צייטן פון סטאטיק איר העלפן געבן ריכטונג און אינהאלט. לערענט דאָס אונז נישט אָפּ די געשיכטע פון דער ערשטער שיבת ציון?

א"י נויטיקט זיך אלס אַ קאָרעקטיוו אַ געזונטן, אקטיוון און שאפערישן גלות. זאָל מען זיך נישט פון אים צו פרי אָפּזאָגן. אדרבא, זאָל מען גאָר אין ישראל זיך פארטראכטן מיט וועלכע כחות דעם גלות (נישט דאָס נעגאַטיוועָ, אומפרייע אין גלות, נאָר דוקא דאָס פאָזיטיווע, וויטאלע און שאפערישע) צו דערהאלטן, ווי צו פארלענגערן זיין לעבן. זאָל מען זיך נישט צו פרי פון אים אָפּזאָגן, זאָל מען אים אין זיינע געזונטע טיילן נישט פרובן צו פרי צו ליקווי־דירן. אויף יעדן פאל זאָל מען פארמיידן אָפּזונדערונג און אָפּגעפרעמדקייט כלפּי פּנים, ווייל די פאָלגן פאַרן פאָלק אַלס אַזעלכן קענען זיין שווערע.

אפשר האָט קיינער פאָרט נישט אזוי פארשטאנען דעם סוד פון קיום פון פאָלק, ווי נחמיה. זייענדיק אנמעכטיק צו זיכערן אַ גרויסע און שטארקע קעגנ־ווארט פארן פאָלק, האָט ער אויסגעקליבן די צוקונפט. אפשר האָט ער מיט אַ כיוון געמאכט יהודה פאָליטיש קליין, כדי דאָס גייסטיקע ישראל זאָל ווערן גרויס.

לאָנדאָן, יוני־יולי, 1950.

---

## אריה שדמי־שאפנפעלד (דן)

# אָ, גיב מיר די שלווה . . .

(פון דער סעריע „גליל לידער")

אָ! גיב מיר די שלווה פון פעלאַכן[1]) אין די בערג,
לאָז מיך רויק וויגן זיך, ווי זיי דאָ, אויף די קעמלען —
און פירן סנאפּעס ווייצן אַהיים פאַר דער משפחה,
אָט דאָ, אין רואיק ווינקעלע, אין אוראלטן גליל.

אָ, גיב מיר אָט די רו, די אויסגעבעטע אין די טאלן,
ווען ס'זיצן די פעלאַכקעס בין־השמשות און באקן ווייצנראזעווע פּיטעס[2])
און ווען מילך אויף אַ שטיין פאַר מאַן און קינדער —
און כ'זאָל אַ ווייטער דאָ נישט שטיין מיט געלאַדענעם געווער . . .

און לויטער זאָל ווערן מיין געמיט, ווי קלאָר און העל ס'איז דאָ דער הימל
אינדערפרי, ווען ס'פירט אַרויס דער פאסטוך זיינע שאף און רינדער
אויף די בערג און גרינע וואדים[3]) אינם העלען אַרום־און־אַרום —
און ווערן כ'זאָל דעם מענטשן נאָענט, ווי נאָענט ס'איז אים זיין העמד אויף
אייגן לייב . . .

[1]) פויערים, [2]) ברייטלעך, [3]) לאַנקעס.



## יוסף הלל לעווי

# וואָס וועט פירן צו יידישער גאולה?

נישט אין קיין פאָליטישע פלפולים בין איך אויסן זיך דאָ אַריינצולאָזן, — מתמת די צוויי אנגעווייטיקטע פראָלעמען: ווי קיבוץ גליות און שלילת הגלות, וועלכע דער פאָליטישער ציוניזם האָט איצטביים רעאליזירן, גלויב איך וועלן נאָך לאַנג נישט קענען פארענטפערט ווערן. ווייל קיין שום עגזיסטירנדיקע מאַכט אויף דער וועלט — וועלכע איז פריער, אָדער שפּעטער פארמשפט אונ־טערצוגיין, איז נישט מסוגל צו לייזן אַ וועלכע ס'זאָלן נישט זיין צוקונפטס־פראָבלעמען. די דאָזיקע קענען נאָר פארענטפערט ווערן פון דער צייט און פון דעם מושל איבער דער צייט — דעם לעבן גופא . . .

וואָס איך בין אָבער יאָ אויסן איז, — זיך אַביסל פון האַרצן אַראָפּצוריידן: די אַלע צערן, אנטוישונגען, ספקות, און זיך פאָרט נישט מתיאש זיין, נאָר בלייבן פארקניפּט און פארבונדן און ווייטער ציען דעם גאָלדענעם פאדעם פונם אייביק יידישן ביטחון . . .

מיר, — די אַלע אין גלות אויפגעוואַקסענע און דערצויגענע, האָבן גרויס צער דערפון: וואָס מ'איז אַזוי מבטל, מבזה און מחרים אונדזער טויזנט־יאָריקע גלות־געשיכטע פון וועלכער מיר זענען אַ לעבענדיקער פּראָדוקט, און וועלכע האָט באַשאַפן אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־רעליגיעזע באַוועגונגען, מיט דעם יידישיזם און העברעיזם ביינאנד.

קיין שום מענטש איז בשום אופן נישט ביכולת (מעג ער אפילו דער גרעסטער מכשף זיין) אַליין איבער זיך אַריבערצושפּרינגען . . . מ'קען אַמאָל איבער דעם וואָס מען האָט שטיינגעלאָזן (ווען דער באגאזש איז נישט צו גרויס) אַריבערשפּרינגען, אָבער קיינמאָל מאל נישט איבער זיך אַליין . . .

דערפאַר זענען מיר אנטוישט ווען מיר זעען ווי אונדזערע נאָנטסטע: זרובבל ד"ר ראפאלקעס, און נאָך אַסך אַנדערע — אויף וועלכע מיר האָבן זיך סומך געווען, אַז זיי וועלן ווייטער ממשיך זיין און נישט אפלייקענען דאָס רעוואָלוציאָנערע און רעליגיעזע יידישקייט וואָס מיר האָבן אין גלות איבער־גענומען פון אונדזערע הייליקע אבות, — וועלכע זענען מיט שמע ישראל אויפן שייטער געגאַנגען; און אויך אויף אַ האר נישט ווייניקער דאָס רעוואָלו־ציאָניערע יידישקייט פון אונדזערע: ברוך שולמאנס, הירש לעקערטס, ביז צו די איבער אַלע צייטן געהייליקט און דערהויבענע העלדן פונם „ווארשעווער געטאָ" . . . וואָס זענען מיט יידיש אויף די ליפּן אונטערגעגאַנגען. אפלייקענען דאָס יידישע־יידישקייט, — מיינט אפלייקענען זיך און די גאַנצע פאָלק־נשמה, מיינט זיין אַ כופר און ליקווידאטאר פון זיך און זיין פאָלק! מיינט זיין אַ רענע־גאט וואָס אנטלויפט פון זיך און זיין פאָלק!

ס'איז קלאָר, — אַז עס וועט די גלות־פארניינער נישט געלונגען איבער־צוריידן די „אַמעריקאַניש און ענגלישע יידן" איבערצולאָזן זייערע דורך יאָרן שווער דערוואָרבענע סאָציאַל־קולטורעלע פּאָזיציעס, און מיט כאפּ לאפּ נעמען

אין אויסוואנדערן אין אַ לאַנד וואָס איז קוים ביכולת די שוין הײנט דאָרט לעבעדיקע באַפעלקערונג מפרנס צו צו זײַן; ווײַל עס קען אין אַמעריקע און ענגלאַנד אפשר אַמאָל חלילה דאָס זעלביקע פּאַסירן וואָס עס האָט אין דײַטש־לאַנד פּאַסירט.

די הײנטיקע פאַראנטוואָרטלעכסטע אָרגאַנען; ווי אַ בן גריון האָבן דאָס אַלײן שוין אײנגעזען און ווילן עס נישט האָבן, נאָך מער — זײ פאַראורטײלן די אַלע שליחים און אַגיטאַטאָרן וועלכע פּראָפּאַגאַנדירן אַזאַ אומזין!

מיר זענען אָנגעזאַפּט מיט ספקות מחמת מיר זעען — צו וואָס עס זענען דערגאַנגען די אַלע וועלטליכע אימפּעריעס וועלכע בויען שוין זײער מילי־טאַריזם און מיליטערישע סטראַטעגיע זינט טויזנטער יאָרן און וואָס זײ האָבן דערגרײכט . . .

די אַלע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען און די אײביקע באַוואָפענונגען פאַרן שלום האָבן שוין באַלד דערפירט מענטשלעכן פּראָגרעס אַזוי ווײט, — ביז צו אַ טאָטאַלער, אַטאָמיזירטער פאַרניכטונג, פון דער גאַנצער מענטשליכער ציוויליזאַציע און קולטור.

מיר ווערן טיף פאַריאושט בעת מיר זעען — צו וועלכע ווילקיר און טעראָר דער „שטאַטסאָציאַליזם" האָט דערפירט, — אויף וועלכן מיר האָבן געלײגט אונדזערע גרעסטע האָפנונגען . . .

און עס נעמט אונדז אַרום אַ טאָפּלטער ווײטיק, ווען מיר זעען ווי אונדזערע ברידער מאַכן נאָך לויט דער סכעמע פון אַלע גויים — דעם זעלבן אַרכיטעקט־טאָניש וואַקלדיקן בנין, וועלכער האָט צו אַלע פעלקער שוין געבראַכט: אַנ־שטאָט גליק, מנוחה אָרדענונג און שלום, — נאָר אומגליק, פאַרצווייפלונג, נויט און מארד! . . .

אָבער מיר לאָזן זיך פון דעם יאוש נישט פאַרשלינגען, ווײַל אין אונדז גליט נאָך דער גרויסער, מאַכטיקער און אײביקער ביטחון — וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון אונדזערע אבות אבותנו.

„אויב עס איז ריכטיק דער פּראַגנאָז פון ציוניזם: (שרײבט א. גאַלאַמב אין דער סעפּטעמבער נומער 8 „אויפן שוועל", רעדאַקציע פון ד"ר י. שטײנבערג.) „אַז אַלע אָן אויסנאַם יידן וועלן זײַן געצוווּנגען אָפּצושנײדן זײער אינפּיל־טרירט לעבן, און וועלן מוזן אָנקומען צו קיבוץ גליות, אויב דער דיאַגנאָז איז ריכטיק, און דאָס קען קומען יעדן טאָג — אויב אַזוי איז ישראל קלײן און שוואַך, אויב עס זאָל חלילה קומען צו אַ מאָמענט: פון „יציאת אַמעריקע" און „יציאת ענגלאַנד", דאַמאָלט וועט קײן שום ישראל ווי שטאַרק עס זאָל נישט זײַן קענען בײַשטײן.

ווארים דאָס וועט דאָך זײַן אין אַ צײַט פון דער וועלט־מלחמה . . . און וועט עס זײַן אין אַ צײַט פון שלום וועט אויך נישט זײַן קײן אָרט פאַר אַלע יידן, אפילו אויב דער „נגב" זאָל פליסן מיט נאַפט, און אין די בערג זאָל מען פלוצים אויסגעפינען מעטאַל, מיט קוואַלן".

דערפאַר האַלטן מיר מיט גאַלאַמבן, אַז עס מעג אויך יעדער ציוניסט זײַן אַ „טעריטאָריאַליסט" — דאָס מײנט אַ „פרײַלאַנדיסט", ווי אויך אומגעקערט...



עס וועט דערפאַר דאָס יידישע פאָלק נישט ווערן צעשפּאָלטן חלילה, נאָר פאַרקערט, נאָך געשטאַרקט אַ דאַנק דער פאַרזיכטיקײט . . .

מיר האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן די איבערצײַגונג, אַז דער יידישער פּראָגרעס איז שטאַרק פאַרבונדן מיטן וועלט־פּראָגרעס. און מיר גלויבן אויך מיט דעם רעליגיעזן סאָציאַליסט נתן חפשי: (וועלכער לעבט שוין כמעט 40 יאָר אין ישראל אַלס קאָלאָניסט און שרײבט אויך אין דעם זעלביקן נומער „אויפן שוועל") „אַז אָט דאָס איז געווען דער אײביקער טעות פון מאַרקסן וואָס ער האָט געגלויבט, אַז ווי באַלד עס איז פאַראַנען אַ הונגעריקער לײדנ־דיקער, עקספּלאָאַטירטער פּראָלעטאַריער, איז ער שוין במילא מסוגל אויס־צולײזן זיך אַלײן און די וועלט, אין דער ווירקליכקײט האָבן מיר אָבער געזען: דעם „עבד כי ימלוך" דעם עמך וואָס קומט צו דער מאַכט" . . .

דאָ שײַנט מיר — מאַכט אָבער חפשי אַ שטיקל טעות, מחמת דאָרט איז נישט דער „עמך" צו דער מאַכט געקומען נײַערט נײַע „מושלים" האָבן זיך אויף דעם עמך אָנגעזעצט . . . און צו זײ באַלאַנגט טאַקע די תאווה צו ווערן רײַך, צו ווערן גלײַך מיט די פאַרהאַסטע קאַפּיטאַליסטן נאָכצומאַכן זײ אין עסן אין קלײדן זיך, אין פאַרגעניגנס און אין סנאָביזם.

נישט דער הונגער נאָך ברויט, — נאָר דער הונגער נאָך גאָט'ס וואָרט וועט באַשאַפן אַ נײַעם מענטש און אַ נײַ פאָלק, וועט אַראָפּוואַרפן דעם רשעות און אַראָפּברענגען דעם מלכות שדי אויף דער ערד".

נישט דער „קיבוץ גליות", און אוודאי נישט דער „שלילת הגלות" וועלן ברענגען די יידישע גאולה, — נאָר דער פרײַער סאָציאַליזם געבויט אויף טיף רעליגיעזע יסודות, נישט אינעם גליוּוער פון קאַנאָניזירטער אָרטאָדאָקסיע, נאָר מיט דעם ערליך געדעכטן ציוניזם פון די נביאים: „ציון במשפט תפדה" און מיר וועלן זיכער מסוגל זײַן צו ברענגען די אמתע יידישע גאולה.

און דאַמאָלט ערשט וועט אומקומען דער גלות פון יידן און אויפגײן וועט די יידישע פרײַהײט, — אין אַ פרײַער סאָציאַליסטיש־רעליגיעזער וועלט אָן אַ גלות. און על אחת כמה וכמה אין זײער אויסגעחלומט, אויסגעבענקט און אויסגעוויינטן הימלאַנד.

## תקון טעות

אין דר. יעקב י. מײטליס: „סך־הכלען און אויסבליקן", „לשון און לעבן" פון נאָוועמבער איז אויף זײַט 11, שורה 17 פון אויבן אַרויסגעפאַלן אַ שורה. עס דאַרף הײסן: „איז דער קאָמוניזם ווי יעדע פרישע, נײַע אידעע לעבעדיק, וויטאַל און דינאַמיש". שטײט דער צד שכנגד . . ."

אין אַרטיקל פון י. א. ליסקי „אַ פײַנע אויסשטעלונג פון אַ באַשײדענעם קינסטלער" פאַריכטן מיר פאָלגנדיקן גרײַז: אַנשטאָט רובנס דער איטאַלי־ענעשער מײַסטער, דאַרף שטײן: רובנס דער פלעמישער מײַסטער.

יוסף פרענקעל

# די געשיכטע פון שקל

אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (אויגוסט 1897 אין באַזעל) זיינען דערשינען פאָרטרעטער און אויף די פאָלגנדיקע קאָנגרעסן געווײלטע דעלעגאַטן.

די 204 מיטגלידער פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן זיך צוזאַמענגעזעצט פון „רעפרעזענטאַנטן" פון 117 ציוניסטישע פאראיינען, סטודענטן־גרופעס און לאָזשעס, פון פערזאָנען, וואָס האָבן באַקומען אַ פערזענלעכע איינלאַדונג פון טעאָדאָר הערצל אָדער פון דער „צוגרייטונגס־קאָמיטע", פון איניקע „באאבאכטער", וואָס האָבן זיך נישט אנטשידן, אויב זיי זאָלן זיך דערקלערן אַלס ציוניסטן אָדער נישט, און פון איניקע געסט, צווישן זיי פרויען, וואָס האָבן באַגלייבט זייערע מענער קיין באַזעל. מען קען אָנעמען, אַז דער ערשטער קאָנגרעס האָט פארטראַטן אַרום 8,000 אָרגאַניזירטע ציוניסטן.

די גרויסע מערהייט פון די ציוניסטישע פאראיינען האָט צוזאַמענגערופן פארזאַמלונגען אָדער זיצונגען און האָט באַשטימט די „פאָרטרעטער" פאר באַזעל. עס איז טאַקע פארגעקומען, אַז אַ סטודענטן־גרופע, וואָס האָט געציילט אַרום 15 מיטגלידער, האָט נאָמינירט איינעם אָדער צוויי רעפרעזענטאַנטן, טראצדעם קען מען נישט זאָגן, אַז „יעדער איינציקער" האָט געקענט ווערן אַ מיטגליד פון דעם קאָנגרעס. עס זיינען געווען רייכע יידן, וואָס האָבן זיך אנגעבאטן צו פאָרן קיין באַזעל „אויף אייגענע קאסטן", אָבער מען האָט זיי „דאנקענד" אָפגעזאָגט, ווייל מען האָט בעסער געוואָלט באַשטימען אַזעלכע, וואָס זיינען שוי דעמאָלט געווע באַקאַנט אַלס ציוניסטן.

די ערשטע פרווון צו אָרגאַניזירן די ציוניסטן דערמאָנען די געשיכטע פון די יידן אין מִדבר, אָן די פארשלאָגן פון יתרו צו משה (שמות פרק י״ח־כ״א, כ״ב), צו באַשטימען פירשטן (פארשטייער) „איבער טויזנטער, איבער הונדערטער, איבער פופציקער און איבער צענדליקער". אַ פירשט איז געווען דער פירער פון זיין גרופע, וואָס האָט זיך געקענט ווענדן אין וויכטיקע פראַגן דירעקט צו משה׳ן.

די ציוניסטן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פאראיינען. מערערע פאראיינען האָבן געבילדעט אַ באצירק און די באצירקן האָבן געשאַפן די „לאַנדסמאַנשאַפט". די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך צוזאַמענגעזעצט פון די פילע „לאַנדסמאַנשאַפטן" (היינט: פארטייען). די העכסטע געזעצגעבנדיקע אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דער קאָנגרעס, וועלכער ווײלט אויס אַן עקזעקוטיווע (ענגערער אַקציאָנס־קאָמיטעט) און אַ גרויסן אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין די פארהאנדלונגען פון קאָנגרעס קענען נאָר אנטיילנעמען געווײלטע דעלעגאַטן. ווער ווײלט די דעלעגאַטן? דער שקל־צאָלער!

דער חומש דערציילט (שמות, פרק ל׳, י״א־י״ז) איבער אַ פאָלקס־ציילונג ביי די יידן אין מדבר. יעדער, וואָס איז געווען אַלט איבער 20 יאָר, האָט



געדאַרפט אפליפערן אַ באַשטימטע מטבעה (אַ האַלבן „שקל"). יעדערער — צי רייך אָדער אָרעם — האָט געדאַרפט געבן די גלייכע סומע: דער רייכע נישט מערער און דער אָרעמער נישט ווייניקער.

ווען מען האָט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס באַהאַנדלט די אָרגאַניזאַציע — און וואלפראגן, זיינען געמאַכט געוואָרן, איבער 100 פארשלאגן, וועלכע מען האָט איבערגעגעבן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע. ד״ר מאַקס באדענהיימער איז געווען דער ערשטער רעפערענט איבער אָרגאַניזאַציע־פראַגן. ד״ר אשר קאקעש איז געווען דער ערשטער לייטער פון אָרגאַניזאַציע־דעפארטאמענט און היינריך יארק־שטיינער, דער פאָרזיצנדער פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע. מען האָט געזוכט אַ פאַסנדן נאָמען פאר אַ בייטראַג, וועלכן יעדער ציוניסט זאָל צאָלן, כדי צו ווערן אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און כדי צו באַקומען דאָס וואל־רעכט צום קאָנגרעס. איינער האָט פארגעלייגט דעם נאָמען „בייטראַג", דער אַנדערער „חברה־געלט", דער דריטער „שטייער" און דוד וואָלפסאָן — „שקל". און דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, אַז יעדער ציוניסט, וואָס וויל זיין באַרעכטיקט, צו ווילן דעלעגאַטן, צאָלט יערלעך פרייוויליק פאר ציוניסטישע צוועקן אַ „שקל" אין ווערט פון 1 פראַנק — 1 שילינג — 25 סענט — 1 קראָנע — 40 קאָפייקעס אָדער 1 מאַרק. צוערשט איז געוואָרן פארגעשלאגן פאר ענגלאַנד 2 שילינג און פאַר אַמעריקע 50 סענט, אָבער דער זשורנאַליסט י. באהאר (פאַריז) האָט קעגן דעם פראָטעסטירט און געזאָגט, אַז ווען מען איז אָרעם, דאַן איז מען אָרעם. פאַרוואָס זאָל דער אָרעמער ענגלענדער צאָלן 2 שילינג און דער אָרעמער אָריענטאַל נאָר 1 פראַנק? (היינט קאָסט דער שקל אין ענגלאַנד 2 שילינג).

יעדער מיטגליד פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאט מיט 18 יאָר דאָס אַקטיווע און מיטן דערגרייכטן (שפעטער: פאָרענדיקטן) 24־סטן לעבענס־יאָר, דאָס פאַסיווע וואל־רעכט צום קאָנגרעס. אַ ציוניסטישע גרופע, וואָס האָט געציילט 100 שקל־צאָלער, האָט געווײלט אַ דעלעגאַט. איז די מיטגלידערשאַפט געווען ווי 100, האָט מען פאר יעדע ווייטערדיקע 100 געווײלט אַ ווייטערדיקן דעלעגאַט. יעדער שקל־צאָלער האָט געהאט איין שטים און די וואל איז געווען דירעקט און געהיים.

די באשלוסן זיינען געווען דער אָנפאַנג פון אַ לאַנגזאַמער דעמאָקראַטיזאַציע פון גאַנצן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס סיסטעם פון שקל האָט רעוואָלוציאָניזירט די יידישע מאַסן און האָט זיי באַאיינפלוסט אין קאַמף קעגן די שפרעכער „אין נאָמען פון די יידן", וואָס האָבן זיך אַליין נאָמינירט. מען האָט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן דאָס דעמאָקראַטישע וואל־רעכט אויך אין די אַנדערע יידישע קערפערשאַפטן.

מיט דער הילף פון שקל האָט הערצל אנגעהויבן צו אָרגאַניזירן „דאָס יידנטום פאר זייער קומענדיקן שיקזאל". יעדער ציוניסט — צי אָרעם אָדער רייך — האָט געהאט די זעלבע רעכט און פליכטן; ער האָט געקענט ווײלן, געווײלט ווערן, ער האָט געקענט מיטריידן, פארלאַנגען אַ דין־וחשבון, האָט געקענט אויסדריקן צוטרוי אָדער אומצוטרוי. דער שקל האָט געהאָלפן דער

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו ווערן גרויס און שטאַרק. און דער שקל־צאָלער איז באַקאַנט געוואָרן מיט גאַנץ וואָס נייעס: דעם יידישן פארלאמענטאריזם. כמעט אַלע היינטיקע מיניסטער אין ישראל האָבן געלערנט דאָס א״ב פון דער פּאָליטיק, שטאטספירונג און שטאטסגעזעצן, אין קאָנגרעס און זייער שולגעלט איז געווען דער שקל.

לויט דעם תנ״ך איז די פרוי געווען באַפרייט פון צאָלן דעם שקל. די גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי האָט אויסגעקעמפט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס פרל. מאריא ריינוס, וואָס האָט געהאט אַ דעלעגאַטן־קארטע, האָט געמאַכט צווישנרופן און האָט זיך באַטייליקט אין די אפשטימונגען. דער צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס (באַזעל, 1898) האָט אויסדריקלעך באַשטעטיקט, אַז פרויען האָבן אין קאָנגרעס פלאַץ און שטים־רעכט. אויף דעם דריטן קאָנגרעס (באַזעל, 1899) האָט ד״ר זיגמונד ווערנער געשטעלט אַן אנטראג, איינצופירן אין שקל אַ רובריק: „עלטער“, כדי צו האָבן אַ קאָנטראָל איבער דעם עלטער פון וויילער און געווייילטע. זעלבסטפארשטענדלעך — האָט געזאָגט דער גאלאנטער ווערנער — זיינען פרויען באַפרייט פון אויספילן די רובריק.

פרל. מאריא ריינוס האָט געמאַכט די ערשטע „וויבלעכע“ צווישנרופן אויף דעם ערשטן קאָנגרעס, פרוי ראזיא עלמאן האָט אויף דעם צווייטן קאָנגרעס געהאַלטן די ערשטע רעדע „אין נאָמען פון די פרויען“, פרוי פּראָפעסאָר פ. שאַפּיראָ איז געווען די ערשטע ציוניסטין, וואָס איז אויף דעם זעלבן קאָנגרעס אויסגעווייילט געוואָרן אין אַ קאָמיסיע פרוי פּראָפעסאָר גאטהייל איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס איז אויף דעם פינפטן קאָנגרעס (באַזעל, 1901) באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער קאָנגרעסלייטונג (סעקרעטארין פאר פראַנצויזיש), הענריעטע סאָלד איז אויף דעם 15־טן קאָנגרעס באַזעל, 1927) אויסגעווייילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע און היינט איז גאָלדע מאירסאן אַ מיניסטער אין דער ישראל־רעגירונג.

די גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי אין דער צ.א. איז ווידער געווען אַ נייע אומגעווייילעכע דערשיינונג אין דער יידישער גאַס און זי האָט פיל ביי־געטראגן צו דער שטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אַלע קומענדיקע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דעם „שקל“ און מיט די „וואל־פארשריפטן“ און מען האָט געזוכט איינצופירן די מעגלעכסט בעסטע פארמען פון דעמאָקראַטיע אין דער צ.א.

אורשפרינגלעך האָט אַ דעלעגאַט געקענט אָפּגעבן „צען שטימען“. פּאַקטיש איז עס קיינמאָל נישט פאָרגעקומען ביי אַן אָפּשטימונג אין קאָנגרעס, ווו אַ דעלעגאַט, אויך ווען ער האָט געהאט מערערע מאַנדאַטן, האָט אָפּגעגעבן מער ווי איין שטים. דער דריטער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, אַז יעדער דעלעגאַט האָט דאָס רעכט צו איבערנעמען ביז „5 מאַנדאַטן“, אָבער ער האָט נאָר דאָס רעכט פון איין שטים. דעלעגאַטן, וואָס זיינען מערע מאל אויסגעווייילט געוואָרן, האָבן געקענט „מאנדאטן“ איבערגעבן, אָבער אויך דאָס איז באַלד פאַרבאָטן געוואָרן.



ווי אַזוי איז געווייילט געוואָרן?

דורכן אינהאבער פון אַ שקל־בלאק איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ וואל־פארזאַמלונג. ער איז געווען גלייכצייטיק דער „לייטער“ פון די וואלן. אַ בלאָק האָט געהאט 25 שקלים, — היינט 10 שקלים. זיינען געווען מערערע, וואָס האָבן געהאט שקל־בלאָקס, דאַן האָבן זיי אונטער זיך באַשטימט דעם צוזאַמענרופער און לייטער. די וואל־פארזאמלונג האָט נאָמינירט 3 בייזיצער און איין סעקרעטאַר. געוויינלעך זיינען די קאַנדידאַטן דערשינען און נאָכן הערן די רעדעס איז מען צוגעטראָטן צו די וואלן. דער שקל האָט געגאלטן אַלס וואל־לעגיטימאַציע. די וואלן זיינען פאָרגעקומען דורך שטים־צעטלעך (צוערשט אויך דורכן אויפהויבן די האַנט); ווו עס איז געווען נויטיק אַן אבסאלוטע מערהייט. איז אַזאַ מערהייט נישט געווען, איז פאָרגעקומען אַ שטיך־וואל און געווייילט איז דער געוואָרן, ווער עס האָט באַקומען אם מייסטן שטימען. ביי גלייכער שטימען־צאָל האָט ענטשידן דער „גורל“. דאַן איז געשיקט געוואָרן קיין באַזעל אַ וואל־פראטאקאל, לויט וועלכן דער דעלעגירטער האָט באַקומען די דעלעגאַטן־קארטע, אָבער ערשט נאָכדעם, ווען די שקל־געלטער זיינען רעכצייטיק אַריינגעשיקט געוואָרן. (שלוס קומנדיקן חודש).

## ארבעט־רינג בר־3 פרויען־סעקציע

אין טיפן צער שטייען מיר ווידער ביים פרישן קבר פון אונזער נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער מיטגליד פרוי ע. קריסס, ערשט נישט לאַנג האָבן מיר פאַרלוירן אונזרע מיטגלידער ב. קראמער, הילדע פיליפּ, מילי עסקאוו. און יעצט פרוי עני קריסס. אַזוי אנערוווארטעט אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזרע רייען.

מיר זיינען אַ קליינע אָרגאַנעזאַציע וואָס איז צוזאַמען געשטעלט פון מענטשן מיט קוואליטעט ווייל מיר יאגען זיך נישט נאָך דער קוואַנטיטעט דערפאר אַז מיר פאַרלירן איינע פון אונזרע מיטגלידער, איז עס אַ גרויסער פארלוסט! אין דער ליידיגער אָרט איז נישט לייכט ווידער אויסצופילען.

מיט דעם טויט פון ע. קריסס האָבען מיר פאַרלוירען איינע פון די אינטעלעגענטע און אַקטיווע פרויען די לעצטע איניגע יאָהרן ביז 1950 איז זי אויך געוועזן ווייס־טשערליידי אין דער סעקציע.

פרוי קריסס האָט באזעסן אַ איינגעבוירינעם אינטעלעגענץ און אַ קלאָרן פארשטאנד. האָט תמיד געוווסט וואָס זי וויל און אימער גרייט געוועזן צו העלפן ווען הילף איז געוועזן נויטיק.

עס איז אַ גרויסער ווייטאָג וואָס זי איז אַזוי פרי און אפשר אין דער בעסטער צייט פון איר לעבען אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזרע רייען.

מיר די פרויען סעקציע פון בר 3. אַרבייטער רינג וועלען איר לאַנג — לאַנג געדענקן מיט אַכטונג און ליבע.

און צו אירע קינדער זאָגען מיר אַז זיי זאָלען זיין געטרייסט אין איר גוטן נאָמען וואָס זי האָט איבערגעלאָזן.

ערע איר אנדענקונג. פאַר דער סעקציע,

רחל מירסקי.

# איבער אַ בוך — „וויזיאָנען און איידלשטיינער“
## פון משה עובד

דערשינען אין „נאַראָד פּרעס“

כ׳האָב לעצטנס געלייענט אָט דעם אויבנדערמאָנטן בוך און שפּעטער אויך געלייענט אַן אָפּהאַנדלונג איבער אים אין „די צייט“ פון דעם 18־טן אָקטאָבער, געשריבן פון דעם באַוואוסטן לאָנדאָנער דיכטער בן א. סאָכאַטשעווסקי. און אויפן געדאַנק איז מיר געקומען אַן אַנדער בוך וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן מיט יאָרן צוריק, וועלכן אַ קריטיקער האָט גראַדע געלויבט און מען האָט אים, דעם שבחים־געבער, בעת מעשה פאַר זיין לויבן צו פיל קריטעקירט און אָט וואָס ער האָט אין אַ צווייטן אַרטיקל וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם ערשטן, געזאָגט:—

„כ׳האָב נאָך אַמאָל רעווידירט סיי דעם בוך און סיי מיין מיינונג איבער אים און בין ביים באַשלוס אַז איך האָב עפּעס צוצוגעבן צום שוין געזאָגטן:— ס׳איז נאָך אַזוי ניט געשריבן געוואָרן, נאָך אַזוי ניט געמאָלן געוואָרן און אַזאַ פאַרגעניגן ניט געהאַט לייענענדיק אַ בוך“ א.ז.וו.

דאָך ווילט זיך ניט דערפאַר־געבן דעם לייענער פון די שורות דעם איינדריק, — אַז אויב אַ ווערק איז מיט גאָלער אַנדערשקייט, איז עס שוין אַן און פאַר זיך מיט אַ פאַרטיקן אַטיסטאַט אַנערקענט צו ווערן ווי עס שטייט און גייט. ניין. — אַ ווערק דאַרף קודם כל זיך אַליין באַרעכטיקן אין דער טעמאַטיק, סביבה און איבערהויבט סטיל און שפּראַכלעכע זויבערקייט און די פראַגע איז איצט — צי האָט דער מחבר פון „וויזיאָנען און איידלשטיינער“ דערפילט זיין אויפגאַבע מיטן באַטרעפנדיקן בוך?

דאָ, — אָ, קומען מיר צום עצם ענין:

„וויזיאָנען און איידלשטיינער“, ווי דער מחבר משה עובד וויל עס האָבן, איז אַ בוך מיט „אויטאָביאָגראַפישעס“ און האָט דערפאַר אַ דירעקטע שייכות מיטן לעבן פון דעם מחבר. אַלס פועל יוצא קאָן שוין קיין רייד ניט זיין צו משה עובד האָט זיך, אָדער ניט געהאַלטן ביי געוויסע פאָרמען און כללים און צי האָט ער פון איין עפּיזאָד צום אַנדערן געדאַרפט ציען „המשך“, ווי דער חשוב׳ער קריטיקער פון דעם בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער“ האָט פאַרשטאַנען.

מעמואַרן איז ניט אַ מעשה אין פולן זינען פון וואָרט, עס איז כמעט אַ גלאָריפעצירטער טאָג־בוך, אָן ספּעציפישע דאַטומס און נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, וואָלט עס געווען געפעלט, ווען דער מחבר וואָלט ניט גענומען די פאָרמע פון קורצע, אָבער דאָך פאַרגאַנצטע עפּיזאָדן אין מיניאַטור־פאָרם און די פראַגע פון „ברעקלעך“ „המשך“ קאָן דאָ בכלל קיין רייד ניט זיין.

קומען מיר איצט צו דער טעמאַטיק — מעמואַרן איז עפּעס וואָס ס׳איז אייגנס און אַלץ דאָס וואָס האָט צי טאָן מיט דעם אייגענעם: אויב איינער



האָט געהאַנדלט מיט ציבעלעס און קרויט, וועט ער פאַרשטענדלעך שרייבן איבער די קונים, וועלכע זענען געקומען קויפן ציבעלעס און קרויט און פאַרקערט, — אויב משה עובד האַנדלט מיט יובעלן און קונסט אַנטיקן, איז עס גענוי נאַטירלעך אַז ער זאָל רעדן וועגן זיינע קונים, ס׳איז נאַטירלעך אַז קונים פון יובעלן און קונסט־אַנטיקן זאָלן זיין אַנדערש ווי די פון די ציבעלעס און קרויט; דאָס זענען דאָך געשטאַלטן, וועלכע שאַפן סביבה אין אָט די „אייגענע ד׳ אמות“, ווייל עס זענען דאָך מענטשן מיט וועלכע משה עובד האָט זיך געאַקסלט אין זיינע ד׳ אמות און ניט „צווישן די מענטשן פון גאַס“ . . . דאָס איז אייגנטלעך די אויפגאַבע פון אַ רעפּאָרטער.

דאָ ווידער קומען מיר צום קריטיקערס טענות:

„דער נאָמען פון דעם בוך איז געטריי דעם אינהאַלט, ווייל אַלעס וואָס דער מחבר זעט און באַמערקט, איז בלויז פון זיין יובילערן געשעפט“.

טאַקע אין די קריטישע באַמערקונגען געפינען מיר דאָס אויסטערלישע, ווייל גראַדע אין די „חסרונות“ ליגן די מעלות פונ׳ם בוך און ס׳קאָן דערפאַר קיין רייד ניט זיין וועגן זעען בלויז אייגענע ד׳ אמות:—

„וויט אַ וועק פון דעםברייטן טומלדיקן, לײדנדיקן, האָפנונגס־פולן און שאַפנדיקן לעבן פון דער ברייטער מענטשלעכער גאַס“.

דער בוך, חבר און קאָלעגע בן א. סאָכאַטשעווסקי איז ניט איבער דער ברייטער מענטשלעכער גאַס, ווייל וואָלט עס יאָ געווען, וואָלט עס אויפגעהערט צו זיין „אויטאָביאָגראַפישעס“, נאָר אַ בוך פון פּסיכילאָגישע שטודיומס איבער מענטשן און זייערע אַספּיראַציעס, שטילע אַספּיראַציעס און ניט מער, אָבער ווי עס ווייזט זיך אַרויס לויט די קריטיק, האָט מיין חשוב׳ער קאָלעגע ממש פאַרגעסן צי דערמאָנען וועגן אַ גאָר גרויסן טייל פון דעם בוך, וועלכער דאַרף שוין גראדע זיין צום האַרצן, ווייל אין אָט דעם טייל, דערציילט זיך וועגן מענטשן פון אַ מער עכטערע וועלט, ווייט אַוועק פון דעם עקזאַטישן, פון „מענטשן, וועלכע זענען ווי פאַטשערקעס אין גלייזערנע קאָסטנס“:

מיר האָבן למשל דעם מחבר׳ס חדר־יאָרן; טאַטע־מאַמע; די באָבע מיטן זיידן; דער פעטער יעקב; דער ברודער יעקב מאיר; דעם זיידנס גליקן; — דאָס זענען דאָך אַלץ ליבע און האַרציקע „מענטשן פון דער גאַס“, נאָך וועלכע מיר טרויערן איצט אַזוי שטאַרק און דאַן פאָלגן נאָך אַנדערע עפּיזאָדן ווי — אַ יונג בחור׳ל קומט אין דער גרויסער וועלט־שטאט לאָנדאָן און ווערט אַ זייגער־מאַכער און צאָלט „רבי־געלט“ און ס׳קומען די ערשטע דריי פונט און וואַקסט און וואַקסט און ווערט אַ מענטש מיט אַ נאָמען, אַ גרויסן נאָמען — אָט דאָס אַלץ זיינען דאָך אמת׳ע שטיקער מענטשלעכע לעבנס פיל מיט צאַפּל, פרייד און צער; פאַרוואָס האָט דער חשוב׳ער קריטיקער דאָס אויסגעמיטן, פאַרוואָס? דאָס איז דאָך שוין עפּעס וואָס קאָן קיינעם ניט שוקירן און אַצינד דער טייל וועגן פון גוד ווערט משה עובד צו וועמען עס קומען:— אַש, סאָקאָלאָוו; מאַקס נאָרדוי — און וועגן יעדן פון זיי איז דאָך עפּעס אין דעם בוך

פאַראַן. יעדער פון זיי האָט אַ פאַרגאַנצן מינאַטור; פאַרוואָס ווייסן מיר ניט וועגן זיי אין דער אָפּשאַצונג, פאַרוואָס?

יאָ, — דאָס פון מיר אָנגעגעבענע, וועגן וועלכן מיין קאָלעגע בן א. סאָכאַטשעווסקי האָט ניט אָנגעגעבן איז נאָך ניט אַלץ. עס זענען נאָך פאַראַן מענטשן און געשטאַלטן אין דעם בוך „ווידזיאָנען און איידלשטיינער" און אַלץ איז דאָך אַזוי לייכט־שפּילעוודיק, אַלץ אַזוי שיין־מענטשלעך, מיט אַן הומאָר, וועלכער איז געבוי אַזוי סופטעל, ווי עס איז די אייגנאַרטיקייט פונ׳ם סטיל, פון וועלכן מען פילט אַרויס פּאָעטישן פּאַטאָס און ניגונה און עס ווילט זיך איצט טאַקע פרעגן — חבר, סטייטש? היתכן? וואו, זאָגט, איז טאַקע יושר? איז אין אָט דעם אַלעם קיין שים פּאָזעטיוועס ניט פאַראַן? דאַרף מען זיך טאַקע אָנהענגען אין דעם אַזוי גערופענעם „נעגאַטיוון" שטריך (אויב אַזעלכער איז פאַראַן) און ניט לאָזן זיך גיין ווייטער קיין טריט ניט? אין דעם גאַנצן צוגאַנג פון דער באַהאַנדלונג ליגט דאָך טאַקע עפּעס נעגאַטיוועס פון וועלכן ניט דער מחבר און ניט דער לייענער קאָן עפּעס לערענען און אָפּשאַצונגען זיינען דאָך אייגנטלעך געווידמעט אָט דעם צוועק — מען זאָל קאָנען עפּעס לערענען.

מיר לייענען אין דער קריטיק וועגן „מענטשלעכעס". וועגן „רעאַליסטישעס". דאַן וואָס נאָך קאָן זיין מער מענטשלעכער און רעאַליסטישער ווי ווען אַ יונגער בחור׳ל קומט קיין לאָנדאָן, פאַרלעגט אַ קליין באַשיידן קרעמל וועלכעס איז היינט צי טאָג אויסגעוואָקסן צו גאָר געוואַלדיגע דימענציעס, צו אַ וועלט־מעקאָ, צו אַ מין טעמפּל פון קונסט און יובעלן צו וועלכן מען ציט פון אַלע פיר עקן וועלט און צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך פּרינצן און פּרינצעסינס און קעניגינס און לאָרדן און סתם באַרימטע פּערזענלעכקייטן, פון וועלכע דער מחבר משה עובד האָט טאַקע געשעפּט אינספּיראַציע און וועלכע האָבן טאַקע גורם געווען אַז מיר זאָלן איצט האָבן „ווידזיאָנען און איידלשטיינער", אַ בוך וואָס איז אַליין ממש אַ צירונג, ווייל ווער נאָך האָט געקאָנט אַזוי פאַרערלעכן און גלאַרעפּעצירן מסחר און מאַכן עס אַזוי שיין און טאַקע מיט אַ שפּראַך וואָס איז געבוי אַזוי זויבער און שפּילעוודיק ווי עס זענען די רובינען און איידלשטיינער, אפילו ווען די שפּילעוודיקייט דערגרייכט אפט מאָל צו „קינדערשער נאַאיוועטעט" — איז וואָס?

אמת, — מיר געפינען דעם מחבר אין זיינע אייגענע ד׳ אמות מיט זיין פּורפּור־סאַמעטענעם מאַנטל דעם לאַנגן און אַ גאָלדן קייטעלע אַרום זיין האַלדז, ווי אַ מין פּריסטער און אפט מאָל אָפּגעשלאָסן מיט זיינע יובעלן — איז וואָס? פעלן אפשר אין די מינאַטורן זיינע די געהעריקע פּערספּעקטיוון, קאָליר, געשטאַלטונג, גאַנצקייט און לייב און לעבן? ניין! דאַן צו וועלכן דער כמעט מעלאָדראַמאַטישער איבערגאַנג אין סטיל, וועלכעס קלינגט ווי אַ מין קרייץ־פאַרהער:—

„משה עובד, ווער איז בן־אלי, דער געהיימניספולער סוחר פון אָריענט, אָדער פון אַנדערע לענדער, וועלכער לאַקערט אַזוי שטאַרק מיט זיין באַנעמונג, מיט זיינע רייד און מסחר — כיטרעקייט? פאַרוואָס האָט איר זיך ניט באַמיט אַריינצוקוקן אין זיין נשמה, אים באַווייזן פאַר אונדז



ניט בלויז אין ברעקלעך, נאָר אין מענטש־גאַנצקייט? אַ שרייבער און דיכטער מוז האָבן געדולד, קענען קוקן אין פאָרויס און הינטער זיך, זיין אומשטאַנד אַרויס צו גיין פון זיינע אייגענע ד׳ אמות און ניט זען בלויז דאָס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זיין אייגענע שטוב און געשעפט און הינטער פאַרמאַכטע טירן" . . .

ווילט זיך פרעגן — חשוב׳ער קאָלעגע קריטיקער: איז עס אַ שטודיום איבער בן־אלי און זיין נשמה־טיפקייט וואָס איר האָט דערוואַרטעט, אָדער איז עס אַ בוך פון זכרונות אין וועלכן דער מחבר דערציילט וועגן מענטשן און באַגעגענישן דרך אגב׳דיק, ווייל ס׳איז דאָך אייגנטלעך זיין לעבנס־געשיכטע און ניט בן־אלי׳ס און איז עס בכלל וויכטיק פאַר דעם לייענער פון דעם בוך צי ס׳האָט זיך בן־אלי לעגיטימירט און צי אַזאַ פיגור האָט בכלל עקסעסטירט אויף גאָט׳ס ערד? דער בן־אלי־פּראָבלעם, ווי עס ווייזט אויס, איז געוואָרן אַ מין „אידעי־פיקס" וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צו אַלץ וואָס דער בוך פון 315 זייטן האַלט ווייל דאָס וואָס מיר לייענען ווייטער אין אייער אָפּשאַצונג באַווייזט עס אַז עס איז אַזוי:—

„עפּעס אַן בן־אלי באַווייזט זיך אין דעם אַנטיקן־געשעפט, שווער צו זאָגן פון וואַנען בן־אלי איז געקומען" א.ז.וו.

ניין, קאָלעגע און קריטיקער בן א. סאָכאַטשעווסקי, מיט מיין גאַנצן דרך ארץ צו אייך און אייער פען — מען קאָן ניט מסכים זיין מיט אַזאַ באַגרענעצטן און נעגאַטיוון צוגאַנג צו אַ קאָלעגעס אַ לעבנס־אַרבעט און זאָל עס מיר דער מחבר פון אַ צווייטער קריטיק וועמען איך ציטיר ביים אָנהויב מיר מוחל זיין, ווען איך וועל זיינע ווערטער וועגן יענעם בוך אַ צווייטן מאָל אויסבאָרגן כדי צו באַניצן זיי ביים סוף:

„ס׳איז נאָך ניט אַזוי געשריבן געוואָרן, נאָך אַזוי ניט געמאָלן געוואָרן און אַזאַ פאַרגעניגן ניט געהאַט לייענענדיק אַ בוך".

## לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

„די נייע צייט" — אויב די יידישע ענפּטלעכקייט וועט ביז צום נייעם יאָר נישט האָבן צוגעגרייט אַ טעגליכע יידישע צייטונג, טרעטן צו אַ גרופּע פּאַראַנטוואָרטלעכע שרייבער און זשורנאַליסטן אַרויסצוגעבן אַ וואָכן־צייטונג אונטער דעם אויבן דערמאָנטן נאָמען.

✶ ✶

מיכל זילבערבערג וועלכער פירט אָן מיט יידיש־ליטעראַרישע לעקציעס צוויי מאָל וועכענטלעך ביים קאָונטי קאַונסיל גיט אויך אַן ענלעכן צוויי וועכענטלעך־קורס ביי דער פרויען־סעקציע אין אַרבעטער רינג, אויסגעהאַלטן פונם קאָונטי קאַונסיל.

✶ ✶

פרוי בעבע יידלסאָן, די פאַרטרעטערין פון הסתדרות אין כנסת פון ישראל, וואָס ווײלט איצט אין ענגלאַנד, האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג אין אַרבעטער רינג.

לויט ווי מיר הערן איז א. מ. פוקס שוין אָנגעקומען קיין ישראל און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן פון יידישע און אויך העברעאישע שרייבער מיט גרויס כבוד.

✶ ✶

איציק מאַנגער פייערט זיין 50־יאָריק יובל.

✶ ✶

דער בעלעטריסט י. א. ליסקי האָט פאַרענדיקט אַ נייע, גרעסערע דערציילונג אונטער דעם נאָמען: „אונטער וועגנס צו אַ דריט יידנטום", וועלכע איז גרייט צום דרוק.

✶ ✶

ס. פּאַלמע גיט אַרויס אַ ניי בוך לידער, „סילועטן אין שפיגל". דאָס בוך האָט אויך איבער אַ צענדליק צייכענונגען געצייכנט פונם מחבר.

✶ ✶

דער שרייבער י. ה. קלינגער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „אויף די פעלדער פון גאַליציע".

✶ ✶

משה עובד׳ס בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און וועט בקרוב דערשיינען אין אַ לאָנדאָנער פערלאַג.

✶ ✶

דער יידישער זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין האָט פאַרגאַנגענעם חודש געפייערט דעם 60־טן געבוירן טאָג פון דעם באַקאַנטן כלל־און קולטור טוער, דעם אַרויסגעבער פון דער מצודה און אייגנטימער פונם פארלאג „אררט", בנציון מרגליות.

די וויצאָ אין דער איסט ע[illegible] אָרדנט אין יידיש ליטעראַרישע מאָנטאָגס אויף וועלכע יידישע שרייבער און קינסטלער באַטייליקן זיך. לעצטן מאָנטאָג האָט די שוישפּילערין דאָראַ דימענט מיט גרויס דערפאָלג געגלייענט די לידער פון חוה ראָזענפאַרב. משה עובד האָט גערעדט איבער חוה ראָזענפאַרב און פרוי מייזלס האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

✶ ✶

דער אַקטיאָר פאול גאָלדשטיין, וועלכער איז צוריקגעקומען פון זיד־אַפריקע, ווו ער האָט דאָרטן געשפּילט טעאַטער מיט מאַרק מאַרקאָוו, עטאַ טאָפּל, האַרי אריעל און אַנדערע, האָט זיך ווידער אָנגעשלאָסן אין דער חברים־גרופּע אין גראַנד פּאַלעי, און דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט גרויס שמחה.

✶ ✶

סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד האָבן לעצטן חודש געהאַט אַ געלונגענעם געזאַנג־און־וואָרט קאָנצערט. דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל גרייט זיך מיט אַ טורנע קיין נאָרד אַמעריקע.

אהרן ר. ראָלין, אַרבעטער און קולטור טוער און סעקרעטאַר פונם שניידער יוניאָן אין לאָנדאָן איז געוואָרן 65 יאָר, ער איז געוורן פּענסיאָנירט — און ער וועט מער צייט האָבן צו זיינע וויכטיקע פאַרשונגען: די יידישע געשיכטע אין ענגלאַנד.

✶ ✶

מיר דערוואַרטן דאָ אין לאָנדאָן דעם באַקאַנטן נאָוועליסט פון אָסטראַליע, הערץ בערגנער!



# א בריוו פון הרב שפּעטמאַן

„הוליעט הוליעט בייזע ווינטען —<br>
יעצט איז אייער צייט"<br>
„ברענט נאָך אַ ליכטעל ערגעץ סינקעל<br>
לעשט עס מיט צאָרען אויס" . . . (פאָלקס ליעד)

מיטן אויפהערען צו ערשיינען, אין ענגלאַנד, די איינציגע יידישע טעגליכע צייטונג „די צייט", געהען אַרום: ערקלערענגען, אויפקלערענגען, מיינונגען א.ז.וו., . . . איז בעזונדערס זער וויכטיג צו פערשטייען, די „שאדען ערזאץ פרייד" . . . פון פערשידינע זייטען: רעכטס, לינקס, פארטייען, ריכטינגען, מיט אַלע זייערע „גוטע כוונות" . . . ווי דאָס פאָלקס ווערטעל „קיין עבירה ניט געהאט און הנאה געהאט", מיר ווייסען, אָבער, אַז מיט די אויסראָטונג, דורך די נאַציס ימח שמם, דאָס פאָלקס יודענטום אין מזרח איירא‎פּאָ, הי"ד, איז אויך אויסגעראטעט געוואָרען, די מאַמע שפּראַך, פון די פאָלקס יודען. די מאַמע שפּראַך, אויף וועלכע עס זענען ערצויגען געוואָרען פיעל צענדליגער דורות: גאונים, צדיקים, תלמידי חכמים, חסידים וחסידות, משכילים, דענקער, פּאָעטען, קעמפער, און די אַלע פשיטע פאָלקס יודען, „עמך", סוחרים בעלי מלאכות, א.ז.וו., ועוד ידם נטויה, מיר ווייסען ווער עס זענען די שולדיגע: דירעקט אָדער אנדירעקט, וועלכע „ווילען מיט צאָרען אויסלעשען" . . . דער ענטפער פון פאָלקס יודענטום, איז, ווי דער מדרש זאָגט: והיה זרעך כעפר הארץ, מיר יודען בכלל, און פאָלקס יודען בפרט, זענען ווי די ערד, וועלכע אַלע טרעטען מיט די פיס . . . אָבער די ערד לעבט אַלע איבער . . . דעריבער גלויבען מיר, אַז די „מאַמע שפּראַך", וועלכע איז נאָך הייליג און טייער — מיט הייליגע סענטימענטאַלע טראַדיציאָנעלע פאָלקסטימכליכקייט משפּחהדיגע אונשטערבליכע זכרונות — וועט נאָך פיעל לאַנגע יאָרען העלפען צום שאפונג אויפלעבענג פון יידישן גייסט, דעם יידישן אוצר, צום באגרוף פון עם ישראל חי, והשיב לב אבות על בנים . . .

דעריבער אַפּעלירען מיר צו אַלע, מיטהעלפען שאַפען אַ יידישע טעגליכע צייטונג, וועלכעס דער אינהאַלט זאָל זיין: גוטע בעלעהרענדע, וויכטיגע אַרטיקלען, מאמרים, נייעס, וועלכע זאָלן צופרידען שטעלען אַלע, און עס זאָל זיין אַ כבוד פאַר אַלע, ווי עס פּאַסט פאר אַזאַ יידישן קיבוץ, קיין ע"ה, וועלכע עס איז נאָך דאָ זער פיעל, וועלכע פארשטען, ריידען, דענקען, לערנען, טראַכטען אויף דער יידישער שפּראַך מאַמע לשון. אוי יידישע מאַמע ווי ביזסטו יעצט ?!

הכותב בדם ודמע לשבר עמו<br>
החותם בתקוה נחמה מלכות ישראל

**הרב יהושע שפּעטמאַן**<br>
חונה במזרח לונדון שכונת ווייטשעפּעל,<br>
ב"ה לסדר „את אחי אנכי מבקש" — וישב,<br>
ערב חנוכה, תשי"א.

LEBN

## יידיש טעאַטער אין לאַנדאַן

דאָס אַלעקסאַנדער טעאַטער האָט אָפּגעשפּילט אַ פּאָר וואָכן, און דער גרויסער טעאַטער אונטער־נעמער, ווי מען האָט אים פּראָקלאַמירט ביי זיך ווידער אויפעפענען, האָט עס באַלד געמוזט שליסן און זיך איבערצייגן, אַז יידיש טעאַטער איז נישט נאָר בלויז „גלענצענדע ביזנעס“ . . .

אונזער מאיר צעלניקער און חנהלע צעלניקער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ יידיש־ענגלישע טעאַטער, ווו זיי האָבן געוואָלט מזכה זיין דאָס ענגלישע פּובליקום, האָבן אויך שוין אויסגעשפּילט — דער ענגלישער טעאַטער גייער האָט שוין געזען אַזוינס און אַזעלכעס! און ביי די יהודים־ נייטיווס איז נאָך אַלץ שווער צו געפינען אַ פינפטע האַנט צו אַ יידישלעך קערטל, זיי שפּילן שוין בעסער אויף פערדלעך און הינטלעך...

איז געבליבן, די חברים טרופּע אין גרענד פּאַליי, אין ווייטשעפּל! גוט, שלעכט: מער, ווייניקער. אַ האַנט שטרעקט זיך צו אַ האַנט, און מען גייט אָן.

אַפילו אַזאַ יידיש טעאַטער פאַרלאַנגט ליבע און אַרבעט! אַז די קינסטלערישע אַמביציעס גייען צו גרונד, און צומאָל דאָס ביסעלע ליבע וועט אויך שוין פעלן און ס׳וועט נאָך בלייבן בלויז ביזנעס און געשעפט, וועט דאָך שוין ס׳לעצטע ביסעלע געזעלשאַפטלעכקייט אינגאַנצן אויפהערן.

די חברים־גרופּע אין גרענד פּאַלעי, ווען זי וואָלט זיך נאָך געקענט פאַראייניקן מיט די פריי געבליבענע אַקטיאָרן פון די געשלאָסענע טעאַטערס, וואָלטן זיי ממש געווען אַ גלענצנדיקע אַקטיאָרן טרופּע.

בכל־אופן די באַשטייענדיקע שפּילנדיקע טרופּע, באַווייזט וואָס זי קאָן מיט די באמת פיינע כחות וואָס זי פאַרמאָגט. און בעיקר די געסט נעמען אויס.

זשעני לאָוויטש איז אַ פיינער טאַלאַנט, מיט געשמאַק און כאַראַקטער, אַ שאָד נאָר וואָס זי באַווייזט זיך נישט אין אַ ריכטיקע ליטעראַרישע דראַמע ווו זי וואָלט געקאָנט גלאַנצן און שיינען מיט אירע אַלע טויזנט חנען.

מיכל מיכאַלאָוויטש, איז אַ פיינער אַקטיאָר און גוטער זינגער.

סעם שמולעוויטש איז נאָך אַן אַקטיאָר פונם אַלטן חדר, אַ קאָמעדיאַן נאָך פון בימי גאָלדפאַדן, וואָס פאַרווילט דעם עולם יידישלעך און יום־טובדיק.

„עוד יוסף בני חי“ — ווייטשעפּל לעבט נאָך, ווייטשעפּל לאַכט נאָך; דער עמך ייד קאָן נאָך אויסהאַלטן זיינע אַנטשטאַלטן און זיינע נויטיקע הצטרחותן. אויב אַ שוואַרצע האַנט, אָדער פינסטערע כוחות צעשטערן נישט! . . . גוט, שלעכט; לייכט, שווער? מען מוז נאָר צולייגן אַ פּלייצע, און עס לעבט זיך און מ׳מאַכט נאָך דערביי אַ לעבן.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת, דעם 2־טן דעצעמבער — בערנאַרד שאָ: ליסקי, פּאָלושאַק.

שבת, דעם 9־טן — חנוכה פייערונג: ביעטש, רובין, גאָלדבערג, בלום.

שבת, דעם 16־טן — די פּאָליטישע לאַגע אַצינד אין דעם וועלט.

שבת, דעם 23־טן — פּאָעטן קלאַסיקער — פרוג, יהואש, ראָזענפעלד.

שבת, דעם 30־טן — אַ באַריכט פון לאָנדאָנער קולטור־טעטיקייט.



## 60 יאָר „פרייע ארבעטער שטימע“

אַ קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן זונטאָג דעם 8־טן אָקטאָבער 1950 אין אַרבעטער רינג אין וועלכן עס האָבן אַנטייל גענומען דער פּראָגרעסיווער קרייז פון דער לאָנדאָנער יידישער אינטעליגענץ האָט דיסקוטירט איבער דעם איצטיקן מצב פון דער יידישער פּרעסע און דעם וויכטיקן ביי־טראַג פון „פרייע אַרבעטער שטימע“ אין משך פון 60 יאָר עקזיסטענץ. אין דער דיסקוסיע האָט מען דערמאָנט די גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן רעדאַקטירט די צייטונג דורך די 60 יאָר: דוד עדעלשטאַט, ש. יאַנאָווסקי, דר. מעריסאָן, משה קאַץ, א. פרומקין און אַנדערע וועלכע האָבן זייער פיל ביי־געטראָגן צו דער געשיכטע פון דעם קאַמף פאַר פרייהייט אין גאָר דער וועלט ווי אויך ביים יידישן פאָלק.

אַלע רעדנער אין דער דיסקוסיע האָבן איבערגעגעבן דאָס די „פרייע אַרבעטער שטימע“ האָט אין די אַלע יאָרן וואָס זי עקזיסטירט אויפגעקלערט און געזוכט צו פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע יידישע מאַסן דעם גלויבן אין אַ בעסערע און מער גערעכטע וועלט. זי האָט אימער פאַרטראָטן דעם געדאַנק פון אַ פרייע סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

כדי אָפּצושאַצן אַלעס וואָס די צייטונג האָט בייגעטראָגן צו דער אַלגעמיינער קולטורעלער דערציאונג ווי אויך פאַר דעם בייטראַג וואָס די צייטונג האָט אין דער אויפקלערונגס אַרבעט פאַר אַ פרייען מענטשלעכן צוזאַמענלעבן באַשטימט דער קאָנפערענץ איינצואָרדענען אַ פייערלעכן אָוונט פאַרבונדן מיט אַ באַנקעט פאַר שבת דעם 9־טן דעצעמבער אין:

RESTAURANT AMIGONI, 12, GREVILLE STREET,
HATTON GARDEN, E.C.1.

דער קאָמיטעט: ס. דרין, פאָרזיצנדער; נ. קראמער, וו. פאַדאָלסקי, סעקרעטאַריאַט; נ. וויינער, טרעזשורער.

מיר האָבן דעם פולן גלויבן דאָס יעדער אינטעליגענטער ייד וואָס שאַצט טייער דאָס פרייע וואָרט און פרייען געדאַנק וועט באַטראַכטן פאַר זיין חוב צו נעמען אַנטייל אין דער דאָזיקער היסטאָרישער פייערונג און וועט אויך צוזאַמען מיט אונז שיקן זיין האַרציקן ווונטש צו די אַרויסגעבער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע“, אַז די צייטונג זאָל נאָך ווירקן פאַר פילע יאָרן און פאָרטזעצן דעם קאַמף פאַרן ציל וועלכן זי האָט זיך געשטעלט מיט 60 יאָר צוריק.

---

טיף גערירט און מיט גרויס צער שטייען מיר ביים פרישן קבר פון אונדזער פעטער

### דזשעק (יעקב) לעווקאָוויטש

וועלכער איז אַזוי פּלוצים און טראַגיש אַוועקגעריסן געוואָרן פון אַ שטרעבזאַמען און אַרבעטס־רייכן לעבן, מאָנטיק, דעם 20־סטן נאָוועמבער אינדערפרי.

זאָל זיין גוטער און ערלעכער נאָמען זיין אַ טרייסט פאַר אונדז אַלעמען.

64 לאָריסטאָן רויד, העקני. **אליהו, גיטעלע און יוליה פאלושאק.**

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

Manufacturers of

Knitted Goods and Sportswear

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES